היינט 16 זייטען

NAJER FOLKSBLAT

(דער אנהויב פון ראמאן „די פער־שאלטענע ירושה" זעח 11טע זייט)

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

פרייז 25 גראשען

נייער פאלקסבלאט

№ 184	Łódź, Piątek, 8 sierpnia 1930 r.	אכטער יאהרגאנג	לאדז, פרייטאג י"ד אב תר"צ	№ 184

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

יוסף אורפאלי בעגנעדיגט

טויט־שטראף פערביטען אויף 10 יאהר תפיסה

ירושלים, 7 (י.ט.א. טעלעגראפיש) היינט 11 פריה איז בעקאנט געווארן, אז דער טויט־אורטייל אויף יוסף אורפאלי איז איהם פערביטען געווארען אויף 10 יאהר שווערע תפיסה.

ווי בעקאנט איז יוסף אורפאלי א ספרדישער יונג פון א פופציג יאהר און איז פערמשפט געווארען צום טויט, ווייל ער האט כלומרשט דערהרגעט 3 אראבער בעת די אויגוסט־אומרוהען און איז נאך די אראבער האבען זיך געוואלט אריינרייסען קיין תל־אביב. דאס אי־גנעריכט האט איהם פערמשפט צום טויט. דאס העכסטע געריכט אין לאנדאן האט די אפעלאציע אפגעווארפען און דאן האט דאס אי־גנעריכט וועלכע האט ארויסגעטראגען דעם טויט־אורטייל אליין אונטערשטיצט די ווענדונג צום נצבי־העליון וועגען בעגנעדיגען אורפאלי.

די אראבער האבען געפירט א שטארקע אקציע געגען בעגנעדיגען אורפאלי. דער גרויס־מופטי האט געפאדערט זיין טויט און האט געוואלט אויף אזא אופן דעמאנסטרירען פאר דער וועלט אז בעת די אויגוסט־געשעהענישען איז פארגעקומען נישט קיין אראבישער פאגראם אויף יודען, נאר עס זענען פארגעקומען געגענזייטיגע שלאכטען צווישען אראבער און יודען.

די געזעלשאפטליכע מיינונג אין ארץ און חוץ לא־ [illegible] האט אבער געווירקט און דער בעגנעדיגונגס־אורטייל איז ארויסגעגעבען געווארען.

זונטאג ערשיינט „נייער פאלקסבלאט" אין 10 זייטען
פרייז נאר 10 גראשען

מארגען, שבת, דעם 9־טען אויגוסט
5 א זייגער נאכמיטאג, קומט פאר א
אינטערנאציאנאלער פוסבאל־מעטש
צווישען ווינער „הכח" מיט „ל.ט.ס.ג."

ספארט־פלאץ ל.ק.ס.
אלעיא אובי 2 (נעבען דער קאלישער באהן)
צופאהר מיט'ן טראמוואי 5, 8 און 16.

פארמעטש 3 נאכמ. דער מעטש קומט פאר ביי יעדען וועטער.
פרייזען: לאזשען — 4 זל. טריבונע — 3 זל. איינטריט — 2 זל. שילער — 1,50 זל.
דער פארפערקויף קומט פאר: „פיקאדילי", זאוואדזקא 1; מירטענבוים, פיעטריקאווער 79; אפטייק־סקלאד ליפשיץ, זגערזשער 8.

האנטווערקער־פעראיין אין לאדז, וואלטשאנסקא 19.
אכטונג! דינסטאג, דעם 12 אויגוסט ד. י. 8 א זייגער אין אוונט קומט פאר אין אייגענעם לאקאל
א גרויסע פערזאמלונג
פון מאגאזין־שניידער
מיטגלידער און נישט מיטגלידער: מארינארקעס, פארלאך, הויזן, צייג, דזשע־טשיגנע און דאמען מאגאזין.
טאג־ארדנונג: „די לאגע איז פאך און צוזאמענהאנג מיט'ן בעפארשטעהענדען סעזאן".
קומט פינקטליך!
די פערוואלטונג.
8099

יין כשר!!!
ווער עס וויל זיך איבערציינגען, אז ווין דארף זיין גוט, כאטש ער קאסט ביליג עמפפעהלען מיר פון דער נייער ערעפענטער ווין און מעהד־פאבריק
א פלאש פון א 1/4 ליטער זעהר גוטען ראדזינער ווין צו פאבריקס־פרייזען
נאר 65 גראשען.
מיט אכטונג
ווין־און מעהד־פאבריק „פראגרעס"
2 אלטער מארק 2
בעמערקונג: צו דער בעקוועמליכקייט פון ג' פובליקום בעקומט מען אין ראיאן גרינעם מארק דעם אויבענדערמאנטען 1/4 ליטער גוטען ראדזינקען־ווין א פלאש צום פרייז 65 גראשען ווי אויך אלע אנדערע סארטען ווינען צו פאבריקס־פרייזען אין ווין־געשעפט פ. ליפעל גרינער מארק 8.
מיט אכטונג
ווין און מעהד־פאבריק „פראגרעס־"
אלטער מארק 2

אכטונג, פאבריקאנטען
פון קווימער און טריקאטאזש!
דערמיט מאך איך בעקאנט, אז צום ווינטער־סעזאן האב איך פערגעהען מיין לאגער מיט א פולקאמען אויסוואהל פון זעמטליכע צודאטען פאר טריקאטאזש און סוויטער־פאבריקאנטען. צווישען אנדערע: קנעפ, טאשמעס, וועש־בענדער, גומי א. א.
צו פאבריקס־פרייזען.
מיט אכטונג ה. אפפעלבוים
לאדז, פולנאצנא 2, טעל. 92-142.

Ogłoszenie.

Dyrekcja Towarzystwa Kredytowego m. Łodzi podaje niniejszem do wiadomości posiadaczów listów zastawnych, że Kasa Towarzystwa wypłaca za kupony, płatne dn. 2 stycznia 1931 roku za potrąceniem **DYSKONTA** w stosunku 11% rocznie.

Ciechocinek
וולאצלאווסקא גאס
ווילא „Wiktorja"
Dr. med. W. ŁASKI
אינערליכע און קינדער־קראנקהייטען.
נעמט אן פון 15־טען יוני 1930

עלטערן!
פערשרייבט אייערע קינדער אין דער באראכאוו־שול ציגעל־גאס 26 און אין דער פרץ־שול פלאץ קאשטשעלני 4
ס'ווערען אנגענומען קינדער אין עלטער פון 6 יאהר אן, ס'קענען זיך אויך מעלדען די קינדער, וואס האבען שוין בעקומען די אויפפאדערונג־צעטלען פון דער שול־אפטיילונג ביים מאגיסטראט. די איינשרייבונגען פון שילער פאר ביידע שולען קומען פאר אין דער קאנצעלאריע פון דער באראכאוו־שול ציגעל־גאס 26 טעגליך פון 9 ביז 10 אינדערפריה און פון 7 ביז 8 אינאוונט.
קוראטאריום פון די באראכאוו־שולען

Szkoła Przemysłowa
Pomorska 46-48, tel. 163-80
Tow. Szerzenia Oświaty i Wiedzy Technicznej wśród Żydów w Łodzi
אפטיילונגען: מעכאנישע, עלעקטראטעכנישע, וועבעריי
די קאנצעלאריע ערטיילט אינפארמאציעס און נעמט אן איינשרייבונגען מאנטאג, דינסטאג, מיטוואך און דאנערשטאג פון 10—14 נ.מ.

ערשטקלאסיגע פריזורקע
צוריקגעקעהרט
עס ווערען אנגענומען בעשטעלונגען פון פערשידענע פריזיר־ארבייט אויך מיט פאריזער שרינדען קאנסטאנטינער 15 ביי פרוי צוקער.

דעם טיפסטען בייליד דריקען מיר אויס דער פאמיליע הימעלפארב צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון זייער אונפער־געסליכען זוהן

נ"ע שמעון

זיים געטרייסט מיט המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

פאמיליע ביאלעק

שטאטיש טעאטער
צינעל-גאס 63.

יאר XV. — יאר XV.

פון דער אסטראלן ג-ווילנער טרופּע

היינט, פרייטאג, דעם 8-טן, 8,45 אָוונט, צו ביליגע פרייזן פון 75 גר. ביז 3,50

צום ערשטען מאל בײ די גאסטראָלען

די אונטערוועלט
פון פר. לאנגער.

מארגען, שבת, דעם 9-טען, 12 פארמיטאג, פון 50 גר. ביז 2 זל.

„טאג און נאכט"

4 נאכמ. **דער זינגער פון זיין טרויער**

9 אָוונט **„קדוש השם"** 9 אָוונט

זומער-טעאטער „SCALA" צעגעלניאנא 16

היינט לעצטער טאג פון פראגראם נומער 1

מארגען שבת גרויסע פרעמיערע! פראגראם נומער 2

טעגליך 2 פארשטעלונגען 8,30 און 10,30 אוו.

„כשוף'דיגער ווארט"

קליי-רעווי אין 2 טיילען 18 בילדער פון טאם, רעף-רענא, נאווארדא א. א. מוזיק פון גריינג, שטרויס א. א.

די הויפט-בילדער פון רעווי

W Astorji, Little Boy, CZarowny walc, Podwojny buchalter, W świątyni, Zaproszenie do tańca, Marusia, Pluskwy, Już nigdy... Bajka Adrjatyku.

עס נעהמען אנטייל:

Porsj-Porecka, Hra Wieczorkówna, Gryczyńska, Suwalska, Dągowska, Bajon, Edw. Ludwigo, Marski, Ign. Skorasiński, żywolewski, i inni.

דער זאל איז געשיצט געגען רעגען און ווינטען. צוליב דעם קומען די פארשטעלונגען פאר אהן ריקזיכט אויפ'ן וועטער. צו דער בעקוועמליכקייטען פון די פובליקום איז דער איינטריט אויפ'ן זאל רעזערווירט אהן איבערייס פון 8.30 און 10.30

פאפולערע פרייזען פון 1 ביז 4 זל.

קאנפערענסיערען: K. Bajon i Leop. Zbucki / Kazimierz Bajon i M. Marski :רעזשי
דעקאראציעס: Wł. Nowakowski / אדמיניסטר. N Goldstein

זומער-טעאטער „סקאלא" ציגעלגאס 18

שבת, דעם 9-טען אויגוסט 1930, 4 א זייגער נאכמיטאג קומט פאר

א גראנדיעזער פאלקס-קאנצערט

פון בעריהמטען יודישען פאלקס-זינגער

דוד באשיסטא
מיט זיין 5-יעהריגען וואונדער-קינד **בעלא**

אין פראגראם בעקאנטע יודישע פאלקס-לידער.

I.
„שלום עליכם" דועט פון דוד איינהארן
„גוט וואך" פון קיפניס.
„דער טאטע מיט זיין זון" פון בערדיטשעווער
„נר תמיד" פון ראסקין
„אלי, אלי", „א פאסטוכל" א. א.

II.
„איך זוך א מאַן" אויסגעפיהרט פון וואונדער-קינד בעלא
„אונטער א קליין ביימעלע" אויסגעפיהרט פון וואונדער-קינד בעלא
„אברהמ'עלע מלמד" א. א.

ביליגע פרייזען פון די פלעצער: פון 75 גר. ביז 3 זל.
בילעטן צו בעקומען אין קאסע פון טעאטער פון 11—2 נאכמיטאג און פון 5—7 אָוונט.

צענטראלע טעכטער-שולע

„בית יעקב"
לאדז, צעגעלניאנא 3, טעל. 28-170

אכטונג!

ס'ווערען נאך אנגענומען איינשרייבונגען פון נייע שילערינס אין דער קאנצעלאריע פון דער שולע צעגעלניאנא 3 אין די טעג: מאנטאג און דאנערשטאג פון 10 ביז 1 פארמ.

די לייטונג.

פאהרען אויף א ראווער

קענסטו זיך לייכט אויסלערנען אויף דעם בעוואוסטען **וועלאדראם, קאנסטאנטינער 16**

אפען פון 9 פריה ביז 11 אָוונט. עס ווערען אנגענומען און סאליד און ביליג אויסגעפירט זעמטליכע רעפעראטורען. צו בעקומען אלערליי ראווער-טיילען. עס ווערן אויסגעבארגט ערשט-קלאסיגע ראווערן אויף אויספלוגן אויף שעה'ן און טעג.

Dr. M. RUBINLICHT
WSCHODNIA 23, tel. 16-800
אינערליכע קראנקהייטען
צוריקגעקעהרט
[illegible] 2—12 ב.ם. און פון 7½—8½ [illegible]

אויפפאדערונג!
צו דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג!

אזוי ווי ס'איז איצט בעוואוסט, אז מען בויט א שוהל אין באלוט זגערזשער 27, שיקען מיר ארויס בעלי הבתים קלויבען שפענדעס. מיר בעטן, אז יעדער זאל זיך בעטייליגען אין דער גרויסער מצוה און שפענדען אויף דער שוהל, פערלאנגענדיג א קוויטונג מיט דעם שטעמפעל פון פרעזעס דוד שמולעוויטש.

מיט אכטונג דער קאמיטעט.

דאמען-מאנאזין-שניידער
כ'זוך א שותף וואס איז בעקאנט אין דער מאגאזינער-בראנזשע און ביי קאמיסיאָנערן און סחורה. איך האב כ'איינגעארדנעטע ווערקשטעל מיט מאשינען. אדרעס ערפאהרען אין ערמינעפטר. פון „נ. פאלקסבלאט" 8035

א געהילף
קאמאשען-מאכער
ווערט געזוכט פון זאפארט ביי צווייג, צעגעלניאנא 62

מעדלער
קוואליפיצירט צו טריקא-וועש ווי אויך א קעטלער קענען זיך מעלדען פון זאפארט וואכאדניא 9 אין טריקא-נייהעריי

אידזוד
צו קויפען
א געניצטע שרייב-מאשין. עס קען זיין א „רעמינגטאן". די אדרעס אבצוגעבען אין דער ארמינ. פון דער צייטונג.

א געווערב
אויף פיעטריקאווער פון צעגעלניאנא ביז פשיאזד, אדער נעבען, דזשעלנא ווערט געזוכט צו דינגען. מעקלערס נעהינשן. געגוירעס צו ערפאהרען פאלודניאווע 22 ראזענמאן

צו דער פערלאבונג פון אונזער ליבע טאכטער

באדזשא ביאלעק
מיט ה' **איזאק דיטמאן**

ווינשען מיר א הערצליכען מזל-טוב און עוויגעס צופרידענהייט
עלטערן און געשוויסטער ביאלעק.

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר צו דער פערלאבונג פון מיין ליבע שוועסטער און שוועגערין

באדזשא ביאלעק
מיט ה' **איזאק דיטמאן**

זאל זייער לעבענס-וועג מיט בלומען בעצירט זיין
שוועסטער און שוואגער איזביצקי.

צו דער פערלאבונג פון אונזער ליבע שוועסטער און שוועגערין

פרל' **באדזשא ביאלעק**
מיט ה' **איזאק דיטמאן**

ווינשען מיר זיי א גליקליכע צוקונפט
שוועסטער און שוואגער בארוכאוויטש.

צו דער פערלאבונג פון אונזער ליבען ברודער

איזאק דיטמאן
מיט פרל. **נאדזשא ביאלעק**

ווינשען מיר א הערציגען מזל טוב און א גליקליכע צוקונפט.

ברידער דיטמאן.

אויפפאדערונג

איך פאדער אויף די פערוואלטונג פון די **„בית יעקב" שולע, זארזשעווסקא 7** אז זי זאל מיר אין פערלויף פון 7 טאג ערלעדיגען די דריי פראטעסטירטע דירה-געלד - וועקסלען, אין געגענפאל וועל איך נישט זיין פעראנטווארטליך פאר די קאסטען און אונאנגענעהמליכקייטען וואס וועלען נאך פארקומען. מיט אכטונג

מ. מאלע, אדמיניסטראטאר

די לייטונג
פון 1-טען ארטאדאקסישן לעהר-אנשטאלט
„דרכי-נעם"
פון גרשון אלי׳ ליסס אין לאדז

ערשטער „דרכי-נעם"
פילינסקי 50, טעלעפאן 215-26

צווייטר „דרכי-נעם"
אל. 1 מאי 20 (זשעראמסקעגא 16) טעל. 200-43

מאכט דערמיט בעקאנט פאלגענדעס: **אין הסכם מיט'ן בעשלוס פון דער „ראדע שקאלנע" אין לאדז פון דעם 24 טשערוויעץ 1930**
ווערט געעפענט פון נייעם שול-יאהר 1930/31

א לעהר-אנשטאלט אויף אל. 1 מאי 20 פראנט 1 שט.

אין א ערשטקלאסיגען קאמפארט איינגעארדנעטען גרויסען און ליכטיגען לאקאל מיט אלערליי נויטיגע טעכנישע און היגיענישע איינריכטונגען.

אין די אויבענדערמאהנטע לעהר-אנשטאלטען נעמט זיין טעטיג א קאמפארט איינגעארדנעטע

גן-ילדים
אונטער דער השגחה פון ספעציאליסטען פעדאגאגען, פאר די תלמידים-בחורים פון לעהר-אנשטאלט „דרכי-נעם" וועט ווייטער זיין טעטיג די איבעראל בעוואוסטע

מתיבתא לתלמוד ולהוראה
ביי דער מיטארבייט פון בעוואוסטע בעלי-הוראה אן פאר די אבסאלווענטען ווירער פון למודי-חול וועלען אויך ווייטער טעטיג זיין די פערברייטערטע

8-קלאסיגע גימנאזיאל-ק. רסען
בעשטעטיגט פון שול-קוראטאריום פון ד. 28 שיערפיען 1929
אונטער דער לייטונג און מיטארבייט פון בעקאנטע גימנאזיאל-פראפעסארען.

גלייכצייטיג ווערט בעקאנט געמאכט, אז אין

פענסיאן
ביי דער לעהר-אנשטאלט „דרכי-נעם" זענען נאך פערהאן עטליכע פרייע פלעצער פאר צוגערייזטע תלמידים.

איינשרייבונגען ווערען אנגענומען אין די קאנצעלאריעס פון די אויבענדערמאהנטע לעהר-אנשטאלטען טעגליך פון 9—1 פארמ. און 4—7 נאכמ.

ביז'ן 17/8 צוליב די פעריען ווערען די איינשרייבונגען אנגענומען נאר אויף קילינסקי 50 פון 9—2 פארמ.

די לייטונג.

אכטונג,
קאמאשן-מאכער געזעלן
א טיכטיגער ריכטע-ווער יוי אויך א נייער קענען זיך מעלדן זאפארט ביי נ. ה. פרידמאן
קילינסקי 104

ס'ווערט געזוכט
א קוואליפיצירטע
מאשין-נייערין, אבערלאק-נייערין
קוואליפיצירטע שפולער (רין), איין צודאסען ארבייטער צו סוויסערס
ביי פרידמאן.
וואכאדניא 51

MIĘDZYNARODOWE TRANSPORTY
ROBERT THOMAS i S-ka
Piotrkowska 85, tel. 208-31, 106-49

קאמוניקאט.

דער צענטראלער קליינהענדלער-פעראיין, פאמארסקא 15 טיילט מיט אלע איהרע מיטגלידער ווי אויך נישט מיטגלידער, דאס מיר טראגען נישט קיין פעראנטווארטליכקייט פאר ח' מנחם סירשבוים'ס ענינים וואס ער ערלעדיגט אין נאמען פון אונזער פעראיין, ווייל ער האט מיט אונזער פעראיין מעהר קיין שום שייכות נישט, ווי אויך פאר די צענביקעס וואס ער איז זיין זוהן פערקויפען אין די קאלאניאל-געוועלבער; די פרייזען שטימען זאגאר נישט מיט די פרייזען אויסגעארבייט פון דער געמישטער קאמיסיע פון אלע קליינהענדלער פעראיינען אין לאדז.

אין דער לעטשניצע
17 זגיערסקא 17
איז טעטיג פון 1—2
ערצטליכער הוים-ווענערישער גאבינעט
אונטער דער לייטונג פון
ד"ר ה. רוזשאנער

ערב א נייער סיים-סעסיע

דער סיים זאל נאך די פעריעס צוזאמענגערופען ווערען

געוו. אינערן-מיניסטער יוזעווסקי זאל שטעהן אין דער שפיץ פון א נייער רעגירונג

וו א ר ש א, 7. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). אין די פאליטישע קרייזען האבען זיך היינט פערשפרייט סענסאציאנעלע קלאנגען. אז מען שטעהט שוין ווידער פאר א סיים סעסיע. מען שמועסט שטארק, אז די רעגירונג איז גענייגט צו שליסען א שלום מיט'ן סיים און דעריבער וועט נאך די זומער-פעריען צוזאמענגערופען ווערען א סיים-סעסיע.

אין שייכות דערמיט איז אויך ענטשטאנען א השערה, אז אלס פרעמיער זאל ווידער בעשטימט ווערען דער געוועזענער פרעמיער יוזעווסקי.

יוזעווסקי'ס נייע רעגירונג זאל האבען די מיסיע די דאס איז געהען אין זיין צייט מיט באשטעלם רוזינוג, צו ברענגען צו א קאמפראמיס מיט'ן סיים.

מלוכה-פרעזידענט צוריקגעקומען קיין ווארשא

וו א ר ש א, 7. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). דער מלוכה-פרעזידענט מאשטשיצקי וועלכער האט דעם אורלויב פערבראכט אין ספאלא איז היינט צוריקגעקומען קיין ווארשא.

געשלעגען צווישען ארבייטער אין ווארשא

וו א ר ש א, 7. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). זיך שוין אנגעהויבען א גאנצע רייה פראצעסען. א גרופע רויטע זענען היינט בעפאלען דעם בונדישען פראפעסיאנעלען פעראיין פון די מעטאל-ארבייטער און ארויסגערופען א געשלעגער. ייפער.אן זענען ארעסטירט געווארען, די אלארמירטע פאליציי האט ארעסטירט 18 מאן.

א גרופע רויטע האבען אויך אויסגעראקט די פענסטער אין דער רחוקריי פון דער פאלקס-צייטונג.

א נישט געשטויגענע מעשה

וועגען א יודישער דעלעגאציע קיין אמעריקא

וו א ר ש א, 7. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). אין א ווארשאווער יודישער מיטאג-צייטונג איז געכטען געווען א ידיעה אז די פוילישע רעגירונג שיקט ארויס א יודישע דעלעגאציע קיין אמעריקא וואס זאל דארט אונטערנעהמען אן אקציע, הענגען הילף פון די אמעריקאנישע יודען פאר די פוילישע יודען. עס זאל אויך אין אמעריקא אנגעפיהרט ווערען מיט דער פראפאגאנדע אז די אמעריקאנער יודען זאלען קויפען אויסארבייטונגען פון די פוילישע פאבריקען.

אנטפערען. מען דער דעלעגאציע זאל הייר הויזנער, און עס זאל זיך אין איהר בעטייליגען ד"ר טהאן, פראסקער און א רייה אנדערע אנגעזעהענע יודישע פערזענליכקייטען.

ווי אייער קארעספאנדענט דערוויסט זיך איז די גאנצע מעשה א ליגענער.

גרויסע פערפלייצונג

אין אזערבייזשאן

טיפליס, 7. (ספ. טעל.) די פערפלייצונג אין אזערבייזשאן האט אנגעמאכט א גרויסען שאדען. אין אסאמאט זענען פופציג פערזאן דערטרונקען געווארען. אין קריין ראסקאן האט דאס וואסער פערנאסען פערציג פראצענט פון די בוימוואל-פלאנטאציעס. אין לענינאקאן האט דער שטורעם - ווינד צו-שטערט עטליכע הייזער.

פון היגיענישען און כשר'ן רעסטאראן אויף ווסכאדניא 39

דער איינציגער היגיענישער און כשר'ער רעס-טאראן אויף ווסכאדניא 39, פראגט, 2-טער שטאק ניט ארויס טעגליך געזונדע און בעשמאקהאפטע מיטאגען צו ביליגע פרייזען און האט זיך שוין קונה שם געווען מיט זיין ערשטקלאסיגער קיך, וואס געפינט זיך אונטער דער פערזענליכער אנפיה-רונג פון איינהאבער הערמאן לעווינסקי.

סאלידע בעדינונג. געדענקט דעם אדרעס.

א אטענטאט אויף בעסעדאווסקין אין פאריז?

ער איז לייכט פערוואונדעט געווארען

פאריז, 7. (ספ. טעל.) בעת בעסעדאווסקי איז היינט אין דער בעגלייטונג פון דעם פערקאנטען אנטי-סאוויעטישען טוער מאסלאוו געפאהרען אין אן אויטא איז פון דער זייט פלוצלונג אנגעפאהרען א לאסט-אויטא פון א בעזונדערס-שטארקער קאנסטרוקציע וועלכער האט מיט'ן גאנצען אימפעט אנגעקלאפט אין אויטא אין וועלכען עס איז געפאהרען בעסעדאווסקי.

זיין אויטא איז צום טייל צושטעטערט געווארען, דערביי זענען סיי בעסעדאווסקי, און סיי מאסלאוו פערוואונדעט געווארען.

דער שאפער פון לאסט-אויטא האט איבערגע-לאזט דעם אויטא און איז פערשוואונדען געווארען.

צוליב דעם, וואס אן ענליכער פאל האט פאסירט מיט איינינע טעג צוריק מיט קוטיעפאוו פער-טרעטער, גענעראל מילער, איז די פאליציי אין דער מיינונג, אז דא איז אויסגעפיהרט געווארען אן אטענטאט מצד אגענטען פון ג.פ.או.

א אויסערגעוועהנליכע אויטא-קאטאסטראפע

1 פערזאן דערהרגעט און 8 שווער

פאריז, 7. (ספ. טעל). אין טרוביל איז גע-שעהן אן אויסערגעוועהנליכע אויטא-קאטאסטראפע א לאסט-אויטא וואס איז געפאהרען איבער די גאסען איז מיט'ן גאנצען אימפעט ארויף אויף א ווערא-נדע פון א צוקערניע און אלץ דארט דעמאלירט. דערביי זענען 6 פערזאן שווער פערוואונדעט געווארען. דער אויטא האט זיך נאכדעם נאך נישט אפגעשטעלט און איז ווייטערדיגען געיעג איבער די גאסען האט ער איבערגעפאהרען דריי ציקליסטען, פון וועלכע איינער איז דערהרגעט געווארען.

צוגאב-קופאן

דריטע סעריע

פון גרויסען פרעמיען-קאנקורס פון „נייעם פאלקסבלאט“

כדי זיך צו בעטייליגען אין דער 3. סעריע פון פרעמיען-קאנקורס, איז גענוג צו צושטעלען בלויז 20 קופאנען

שנייד אויס דעם קופאן!

אן עקספלאזיע אין א אמוניציע-פאבריק

4 ארבייטער דערהרגעט געווארען

פאריז, 7. (ספ. טעל.) נעבען וואלענציא איז פארגעקומען אן אויפרייס אין אן אמוניציע-פאבריק. 4 ארבייטער זענען דערהרגעט געווארען און דער גאנצער בנין איז צושטערט געווארען.

300 פערוואונדעטע

בעת די רעליגיעזע צוזאמענשטויסען אין אינדיען

לאנדאן, 7. (ספ. טעל.) נעכטען נאכמיטאג איז געקומען צו ווייטערדיגע צוזאמענשטויסען צווישען אינדוסען און מאהאמעדאנער, די פאליציי איז געווען געצוואונגען זיך צו בענוצען מיט געוועהר, אייניגע פערזאן זענען פערוואונדעט געווארען.

די צאהל פערוואונדעטע צוליב די רעליגיעזע צוזאמענשטויסע איז געשטיגען ביז אויף דריי הונ-דערט.

500 פערזאן ארעסטירט אין שייכות מיט דער באסקין-האל אפערא

אין ניו-יארק ארעסטירט א וויכטיגער מיטגליד פון דער באנדע

ווארשא, 7. (טעלעפאניש פון אונזער קאר-רעספאנדענט). אין שייכות מיט דער בעקאנטער אפערע פון די פרויען-הענדלער באסקין און תאל וועלכע פלעגען ארויספיהרען פרויען קיין אמעריקא, איז אנגעקומען א ידיעה פון ניו-יארק, אז די דארטיגע פאליציי האט ארעסטירט א געוויסען שמואל שאפירא, א וויכטיגען מיטגליד פון דער האנינער באנדע.

שאפירא האט זיך די גאנצע צייט אויסבעהאלטען אין אמעריקא. לעצטענס האט ער געוואלט פערלאזען לאנד מען האט איהם אבער געכאפט אויף דער גרעניץ און ארעסטירט.

אין צוזאמענהאנג מיט דער באסקין-תאל אפערע דערוויסט מען זיך נאך, אז די פוילישע רעגירונג האט ארעסטירט אין שייכות דערמיט דעם ענין איבער פינף הונדערט פערזאן. די אויספארשונג ווערט ווייטער געפיהרט. און אין די נאהענטסטע טעג וועלען זיך שוין אנהויבען א גאנצע רייה פראצעסען.

אמעריקא געגען געמיינזאמע אינטערווענץ אין כינא

ענגלישע און יאפאנישע שיפען קיין כינא

לאנדאן, 7. (ספ. טעל.)

לויט מעלדונגען פון שאנכיי האט זיך די לאגע אין האנקאו פערערגערט. פון שאנכאי האט מען א רויסגעשיקט קיין האנקאו אן אפטיילונג פון ענגלישע פיעכאטע בכדי צו פערשטארקען די מאנשאפט פון קרייצער-שיף קומבערלענד. די אפטיילונג האט אויך מאשינען-געוועהרען. עס ווערען פאראויסגעזעהען דאס אפשיקען פון ווייטערדיגע אפטיילונגען קיין האנקאו זענען אויך אנגעקומען דריי יאפאנישע קאנטער-טארפעדא-שיפען, 4 ווייטערע זענען אין וועג.

אין דער נאהענטסטער צוקונפט דארף מען ערווארטען וויכטיגע געשעהענישען.

אין די לאנדאנער פאליטישע קרייזען איז מען שטארק בעאומרוהיגט צוליב די געשעהענישען אין כינא. די קאמאנדירען פון די ענגלישע שיפען אויף די כינעזישע וואסערען האבען בעקומען ברייטע פול-מאכטען צו ברענגען הילף די אויסלענדער אין כינא.

אויסנאהמס-צושטאנד אין האנקאו

בערלין, 7. (א.ו.) אין האנקאו וואס איז ערנסט בעדראהט פון די קאמוניסטען איז ערקלערט געווארען אויסנאהמס-צושטאנד. לויט ענגלישע ידיעות זענען אלע קאמוניסטען, וואס זענען געכאפט געווא-רען אין האנקאו געשטעלט געווארען פאר א קריגס-געריכט. פינף קאמוניסטען דערונטער דריי פרויען זענען פערמשפט געווארען צום טויט.

לויט ווייטערדיגע מעלדונגען, האבען די ענג-ליש-אמעריקאנישע אונטערהאנדלונגען וועגען א גע-מיינזאמע אינטערווענץ פון די פרעמדע מלוכות אין כינא האבען פיז'א'צט נישט געבראכט צו קיין פא-זיטיווע רעזולטאטען. ווייל די אמעריקאנישע רעגירונג איז איז דער מיינונג, אז די אנפיהרער פון די בעווא-רענע קריגס-ראווענען, פון די בעזונדערע מלוכות וואס געפינען זיך אויף די כינעזישע וואסערען הארפען זיך נישט קאמוניקירען וועגען א געמיינזאמער טעטיגקייט. דאגעגען די ענגלישע רעגירונג בעמיהט זיך צו שאפען אן איינהייטליכען ענגליש-יאפאניש-אמעריקאנישען פראנט.

ווינער „הכח“ שפילט מארגען אין לאדז

דער ווינער „הכח“ קומט היינט קיין לאדז. די עלף יודישע פוסבאל-שפילער, וועלכע האלטען דאך פערמעסטען אין לאדז מיט דער ליגע-מאנשאפט ל.ש.ס.ג.

זייט דעם יאהר 1926 מאכט איצט דער „הכח“ זיין צווייטע גרויסע פראפאגאנדע-רייזע איבער די מזרח-אייראפעאישע לענדער, כדי צו הייבען דעם פרעס-טיזש פון דער יודישער ספארט-בעוועגונג, די רעזול-טאטען וועלכע הכח האט ערצילט ביז איצט אויף זיין טורנע בעווייזען, אז די יודישע וועלט-בערימטע מאנ-שאפט איז צוריקגעקעהרט צו איהר גרויסארטיגע לייס-טונגען „הכח“ האט בעזיגט אלע קלו-בען אין מזרח-פרייסען, ליטע, לעטלאנד. און איצט איז פוילען מיט וועמען זי האט נאך געשפילט. דער מעטש מיט ל.ש.ס.ג. אין לאדז וועט ערוואקט מיט דער גרעסטער שפאנונג, ווייל מצערעכט נאך דעם וויע-נער „הכח“ אין לאדז, דאס וועט-שפיל קומט פאר שבת, דעם 9 פינף א זייגער נאכמיטאג אויפ'ן פלאץ פון ל.ק.ס. נעבען דער קאלישער באהן.

ציהונג פון דער מלוכה-לאטעריע

ערשטער טאג

80.000 — 157635.

40.000 — 136642.

10.000 — 69668.

1,000 — 80653 106039 117775 187581.

800 — 50032 57349 81419 105609 12610 125580 132106 192073.

600 — 8989 24969 30057 33511 48638 82990 95452 111623 114902 115971 122630 145791 157114 176146 195473 196885 202073 205681.

500 — 1223 2793 5513 7154 8513 19778 23377 24256 25118 35446 36387 42534 47210 54427 62769 79164 80040 87361 87457 91910 93160 104462 104564 105979 110995 114060 119401 120350 123714 124886 127692 135022 138284 139386 142148 147672 149482 161033 173241 176194 177840 192933 198960 201759 205890.

400 — 34 1339 3239 3960 5287 5963 6649 8913 9190 9835 10647 12355 15148 16326 16876 17236 19808 20916 21229 22141 23031 23600 24189 24339 26626 26923 29718 33886 35827 38167 38264 38815 38934 39059 39187 39931 44261 45524 49877 51166 51293 52007 52823 52926 53948 54748 55932 59470 59664 61302 62414 62855 63479 63681 65442 66161 66465 68158 71079 72579 74366 74491 74756 75929 76352 76401 76805 77037 77075 77473 78261 78900 79574 81245 81329 82613 83793 88883 857753 85987 87681 93093 93302 93579 93731 93791 94357 95011 95466 95576 95673 96056 96251 99499 10027 101458 102676 102996 103129 103531 104196 104622 104630 105016 108038 110051 110873 111269 112951 113257 113339 113651 115741 116248 116588 116703 117452 117933 119199 119942 120479 121281 123912 125123 125892 126088 127097 129061 129203 130149 130943 131270 131987 132515 133770 133809 134197 135825 137129 137945 140331 142867 143502 144258 144276 147320 147827 147833 148406 148855 149167 149947 149971 149978 151170 152754 153088 154224 154800 154854 154864 155891 157657 157835 158264 158986 160710 161110 161236 163083 163523 164187 165696 166004 166688 166980 167115 168041 168547 170606 171905 172726 173134 173183 176331 176801 181038 181557 181571 182739 183987 185696 187513 190113 192173 192348 192787 192943 193475 195112 196574 197245 198527 201109 202765 203001 203973 205195 205438 206608 206966 207375 207707 207918 208230 208273.

ביי העמארידאלל יידען

פערשטאפונג, דארם-ריסען, הארן-דראנג, שטויאונגסלעבער, קריין-שמערצען, ברוסט-בעקלעמונגהייט, הערץ-פאכען, שווינ-דעל-אנפאלען ברינגט דער געברויך פון נאטירליכען ביטער וואסער

Franciszka Józefa

שטענדיג אנגענעהמע ערלייכטערונג, אפט נאכער פולקע מענגע המדונג.

צו בעקומען אין אלע אפטייקען און סקלאד-אפטעקשנעס.

פערפומעריע, זאוואדזקא 5

די גוט = בעקאנטע

די גוט = בעקאנטע

עמפפעהלט צום איצטיגען סעזאן א רייכען אויסוואהל פון די בייעסטע

פערפומען
פודערן
טואלעט-זייפען

העלנישע און בלומען-וואסערן
קאסמעטיק אין און אויסלענדישע
צו קאנקורענץ-פרייזען!

PERFUMERJA מיט אכטונג

J. DRUKIER, Zawadzka 5, tel. 175-92

בעמערקונג: ווער עס בעזוכט מיין פערפומעריע, בלייבט אויף שטענדיג מיין קונדע.

פאר אנגראסיסטען — אויסנאהמס-ראבאט.

שטארקע ערד־ציטערניש אין שפאניע

פאריז, 7. (אג.) לויט מעלדונגען פון דער פראווינץ אלמעריא, אין שפאניע, האט מען הײנט פארטאג דערפילט א שטארקע ערד־ציטערניש, און דארף אלבא (ענען א סך הײזער אײנגעפאלן, די אײנוואוינער פון די הײזער איז געלונגען אנטלאפן.

ביז איצט איז נישט געמעלדעט געווארן וועגן מענשליכע קרבנות.

א מיליטערישע רעוואלוציע אין בראזיליען

בערלין, 7. (אג.) אין בראזיליען איז אין דער שטאט פאראסירא אויסגעבראכן א בונט פון מיליטערישע גארניזאן.

די מיליטערישע רעוואלוציע זאל האבן א שייכות מיט דער ערנאנערונג פון פרעזידענט פון דער ראיאנער שטאט, וואס איז געשען מיט צוויי וואכן צוריק.

דאס ארויסגעשיקטע מיליטער נענען די אויפשטענדישע איז צושלאגן געווארן.

בעשטימט די טאג־ארדנונג פון די זיצונג פון אקציאנס־קאמיטעט

לאנדאן, 7 (יט״א טעלעגראפיש).

ס׳איז פארעפנטליכט געווארן די טאג־ארדנונג פון די זיצונגען פון ציוניסטישן אקציאנס־קאמיטעט. די ערשטע זיצונג וועט זיך אנהויבן דעם 24 אויגוסט. אין בערלין. די זיצונג וועט בעשטימען דעם ארט און טערמין פון דעם קומענדיגן ציוניסטישן קאנגרעס. די בעראטונגען וועט עפענען פראפ. ווייצמאן. ד״ר רופין וועט רעפערירן וועגן דער לאגע אין א״י. אוסישקין — וועגן דער עקאנאמישער לאגע און בודזשעט־פראגען, ד״ר האנטקע — וועגן קרן־היסוד און קרן־קימת.

קרן־קימת־סעסיע פון אדמיניסטראטיווען קאמיטעט פון דער יודישער אגענץ

לאנדאן, 7 (יט״א טעלעגראפיש).

די סעסיע פון אדמיניסטראטיווען קאמיטעט פון דער יודישער־אגענץ וועט זיך עפענען אין בערלין דעם 29 אויגוסט. דעם בעריכט וועלען אפגעבן פעליקס וואַרבורג און פראפ. ווייצמאן, וועגן דער באדען־פראגע וועט רעפערירן ד״ר רופין און וועגן קרן־היסוד — וואסערמאן.

נאכדעם וועלען רעפערירן וועגן קאלאניזאציע — אוסישקין און וועגן בודזשעט — ד״ר סענאטאר.

ארעסטירט 5 אראבער פערדעכטיגט אין מארד

חיפה, 7 (יט״א טעלעגראפיש).

דא זענען ארעסטירט געווארן פינף אראבער, וואס זענען פערדעכטיגט אין אויספירען אין מאי דעם מארד איבער׳ן ענגלישן פאליציי־סערזשאנט פיגעלסאן.

150 חלוצים אנגעקומען קיין ארץ־ישראל

תל־אביב, 7 (יט״א טעלעגראפיש).

דא איז אנגעקומען א שיף מיט 150 חלוצים. מיט׳ן זעלבן שיף איז אויך אנגעקומען דעפ. האַרטגלאס פון פוילען.

די רעגירונג האט בעהערשט די לאגע

ערפלערט רומענישער פרעמיער מאניו

בוקארעשט, יט״א טעלעגראפיש).

דער פרעמיער מאניו האט אין א געשפרעך מיט די פרעסע פארשטעהער זיי ערקלערט, אז אין לאנד הערשט שוין ארדנונג און רוה. די רעגירונג האט פולקאם בעהערשט די לאגע און ארבייט נארמאל און הסכם מיט׳ן קעניג קארל.

קורדישע באנדעס אריבער די טערקישע גרעניץ

לאנדאן, 7. (ספ. טעל.)

לויט די מעלדונגען פון אנגארא איז א קורדישע אפטײלונג פון זעקס הונדערט מאן אריבער די טערקישע גרעניץ און אטאקירט די טערקישע אפטײלונגען ביי אגרא און מארדין.

אויף דער גרעניץ פון פערסיען און איראק זענען ארויסגעשיקט געווארן שטארקע אפטײלונגען טערקיש מיליטער.

ענטדעקט די צענטראלע פון א אינטערנאציאנאלע אנארכיסטען־פערבאנד

פאריז, 7. (ספ. טעל.)

„פטי פאריזיען“ מעלדעט אז אין מאנטפעליאר איז נאך א לאנגער אויספארשונג איז ענטדעקט געווארן די צענטראלע פון אינטערנאציאנאלן אנארכיסטען פערבאנד. דער דאזיגער פערבאנד איז געווען בריים פערצווייגט און האט געהאט אפטײלונגען אין אלע גרעסערע שטעט פון איראפע.

אין דער שפיץ פון פערבאנד איז געשטאנען דער איטאליענער אופאלדא מענטאנא׳ז, וועלכער האט געפיהרט זיין טעטיגקייט אונטער א פסעוודאנים.

ארום דעם וועלט־קאנגרעס פאר׳ן ארבייטענדען ארץ־ישראל

אויף דער נעכטיגער פערוואלטונגס־זיצונג פון „התאחדות“ איז בעשלאסען געווארן איינצוארדנען א רייהע פערזאמלונגען צווישען די ארבייטענדע אינטעליגענץ אין אונזער שטאט, וועגען דעם בעפארשטעהענדען וועלט־קאנגרעס פאר׳ן ארבייטענדען ארץ־ישראל. וועגען דעם זעלבען ענין איז בעשלאסען געווארן זיך צו ווענדען צום צענטראלען האנדווערקער־פערבאנד אין לאדז, וועגען איינארדנען פערזאמלונגען פאר די האנדווערקער און ארגאניזירען דאס פערשפרייטען פון די שקלים. די פערוואלטונג פון „התאחדות“ האט זיך געוואנדען צו די לאדזער ציוניסטישע פארטייען און ארגאניזאציעס, וועגען איינארדנען א בשותפותדיגען יום־טוב אנגעבענדיג צו די געשעהענישען אין ארץ־ישראל.

בריף אין רעדאקציע

חשובע רעדאקציע !!

ערלויבט מיר אפצודרוקען אין אייער חשובע צייטונג פאלגענדע שורות פאר וועלכע איך דאנק אייך פאר׳אויס.

איך שיק דורך אייער חשובער צייטונג מיין היי־געזונד צו מיין אפפאהרען נאך אמעריקא אלע מיינע פריינד, פערעהרער, פאמיליע און דעם גאנצען לאדזער פובליקום וועלכע האבען מיר ארויסגעוויזען אזוי פיל פערעהרונג צו מיינע גאסטראלען אין לאדז.

איך דאנק אלעמען.

מיט הכבוד

הערמאן סעראצקי

וואס איז „קדוש השם“

גרויסער וכוח אין פילהארמאניע

דאס פראבלעם פון „קדוש־השם“ רופט ארויס מיינונגס פערשידענהייטען און זיין אויפפאסונג. יעדער לעגט אריין אין איהם אנאנדערע אינהאלט. דער גרויסער יודישער דיכטער שלום אש האט אנגעשריבען זיין „קדוש השם“ געווידמעט די יודישע לײדען אין העלדישע אויסהאלטען און די צייטען פון כמעלניצקי. דאס דאזיגע ווערק איז אנסצעניזירט געווארען דורך ד״ר ווייכערט און ווערט געשפילט דורך די „ווילנער“.

דאס פראבלעם און די אויפפיהרונג פון די „ווילנער“ האבען געמאכט אז דאס שטיק איז געגאנגען אויף דער בינע איבער 300 מאל. איצט וועט הײנטיגען מיטוואך פאר געבען א פובליקער וויכוח וועגען דעם פראבלעם פון „קדוש־השם“ וועגען דער אנסצעניזאציע און וועגען דער אויפפיהרונג פון „קדוש השם“ ביי די „ווילנער“.

אינ׳ם וויכוח וועלען זיך בעטייליגען, דער בעקאנטער ארבייטער־טוער און ליטעראטור־קענער זרבבל, דער רעזשיסער און אנסצעניזאטאר פון „קדוש השם“ ד״ר ווייכערט און דער אנפיהרער פון דער ווילנער טרופע ה׳ מאזא.

דער וויכוח האט דעריבער צוליב דער אקטועלער טעמע און צוליב די בעטייליגטע ארויסגערופען א גרויסען אינטערעס, בפרט ביי די אלע וואס האבען די אויפפיהרונג ביי די „ווילנער“ געזעהען און וואס קענען דאס ווערק פון שלום אש.

„אונטערוועלט“ - די הײנטיגע פארשטעלונג פון די ווילנער

הײנט, פרײטאג, שפילען די ווילנער „אונטערוועלט“. די פיעסע איז שוין אויפגעפיהרט געווארען אין לאדז בעת די פאראיאריגע גאסטראלען. די ווילנער האבען געהאט גרויס ערפאלג. די ארטיסטען פון דער טרופע קומט אויס אין דער פארשטעלונג צו בעווייזען זיך אין גאר נייע ראלען. א גאנצע רייהע טיפען פון דער אונטערוועלט נעהמען א פערבייגט אויף דער סצענע, ס׳איז צו ערווארטען אז די פיעסע וועט, ווי אלע פון איצטיגע פארשטעלונגען פון די ווילנער אויך געשפילט ווערען ביי אויספערקויפטע הײזער.

מארגען, שבת וועט דער שפיעטער און — דרײ פארשטעלונגען 12 פארמיטאג „טאג און נאכט“, נאכמיטאג — „דער זינגער פון זיין טרויער“, און אווענד — „קדוש השם“.

עס ווערען שוין געמאכט די נעהערינע פארבערײטונגען פאר דער נאהענטער אויפפיהרונג פון לייוויקס גולם.

ראדיא־פראגראם

פרייטאג ד. 9 אויגוסט

11.58 צייטסיגנאל פון ווארשא און הײנאל פון מאריאצקען טורעם אין קראקא. 12.05 מוזיק פון גראמאפאן־פליטען. 13.15 טאג־פראגראם, קינא און טעאטער־רעפערטואר. 16.15 גראמאפאן־פליטען. 17.00 פארלעזונג וועגען ראדיא. 17.35 פארלעזונג. 18.00 קאנצערט פון מאנדאלינען ארקעסטער. 19.00 פערשידענעס. 19.20 גראמאפאן־פליטען. 19.45 קאמוניקאט פון דער לאנדווירטשאפטס־קאמער, פראגראם אויף מארגען, קאמוניקאטען, צייט־סיגנאל פון ווארשא. 20.00 ראדיא־זשורנאל. 20.15 סימפאנישער קאנצערט פון „שווייצער טאל“ אין ווארשא, אויסגעפיהרט דורכ׳ן פילהארמאנישען ארקעסטער. 22.00 פעליעטאן, 22.15 קאמוניקאטען. 22.30 קאנצערט פון גראמאפאן פליטעס.

שבת ד. 9 אויגוסט

11.58 צייטסיגנאל פון ווארשא און הײנאל פון מאריאצקען טורעם אין קראקא. 12.05 מוזיק פון גראמאפאן־פליטען. 13.15 טאג־פראגראם, קינא און טעאטער־רעפערטואר. 15.50 פארלעזונג. 16.51 ידיעות פון קאאפעראטיווען פערבאנד. 16.20 גראמאפאן־פליטעס. 17.10 ארטיסטיש ווינקעלע, 17.35 פאסט־קעסטעל. 18.00 קינדער־פראגראם. 19.00 פערשידענעס. 19.20 גראמאפאן־פליטעס. 19.30 פעליעטאן. 19.45 ראדיא־זשורנאל. פראגראם אויף מארגען, קאמוניקאטען, צייט־סיגנאל פון ווארשא. 20.00 ראדיא־זשורנאל, 20.15 קאנצערט פון א גיטאריסטען־דועט. 20.15 פאפולערער קאנצערט פון „שווייצער־טאל“ אין ווארשא אויסגעפיהרט דורך דעם פילהארמאנישען ארקעסטער. 22.00 פעליעטאן 22.15 קאמוניקאטען.

לאדזער נײעס

פאלעסטינער מאטאציקליסטען קומען קיין לאדז

אויסגעוועהלט געווארען א קבלת־פנים־קאמיטעט

פון ווארשא איז אנגעקומען א ידיעה, אז די פאלעסטינער־מאטאציקליסטען קומען זונטאג קיין לאדז.

אין שייכות דערמיט איז פארגעקומען א זיצונג פון פארשטעהער פון יודישע ספארט־פעראיינען און פון די ציוניסטישע ארגאניזאציעס, אויף וועלכער עס איז אויסגעוועהלט געווארן א קאמיטעט, וואס דארף זיך פערנעהמען מיט איינארדנען א קבלת פנים פאר די חשובע געסט.

נײע אויסלענדישע פעסער

(פ) ווי בעקאנט איז איצט פעסטגעשטעלט געווארן א נייער טיפ פון אויסלענדישע פעסער און מ׳וועט זיי אנהויבן ארויסגעבן דעם 15 אויגוסט. איצט טיילט מיט די שטעטישע סטאראסטווע, אז די אלע וואס האבען זיך בעמיהט וועגען אויסלענדישע פעסער און האבען אזעלכע בעקומען, דארפען די פעסער אפגעבען ביז׳ן 14 אויגוסט. שפעטער וועלען די פעסער פערניכטעט ווערען, און די אלע, וואס האבען די פעסער שוין געהאט אויסגעשטעלט, נאר נישט אפגענומען. וועלען מוזען בעגייען די אלע גוטיגע שריט אויף צו בעקומען א נייעם פאס.

דעריבער דארפען אלע וואס האבען אנגעגעבען אויף אויסלענדישען פאס, זיך בעמיהען איהם אפצונעהמען פאר׳ן 14 אויגוסט.

א שרפה אין נאווא־סאלנא

נעכטען אין אווענד האט מען פלוצלונג אויפ׳ן מזרח׳דיגען טייל הימעל פון אונזער שטאט בעמערקט א רויטליכען אפשיין ווי פון א גרויסער שרפה.

ווי עס האט זיך ארויסגעוויזען איז אויסגעבראכען א שרפה אין דער גמינע נאווא־סאלנא, וואו עס האבען זיך אנגעצונדען עטליכע בנינים פון א פויערישער ווירטשאפט.

ווידער א פייער אין דוד כהנס אפפאל־לאגער

(ב) נעכטען אום 1 א זייגער בייטאג איז אינ׳ם אפפאל־לאגער פון דוד כהן, פיעטריקאווער 109, וואס איז אפגעברענט געווארן מיט א טאג פריהער, ווידער אויסגעבראכען א פייער. די ארויסגערופענע פייער־לעשער האבען די שרפה איינגעלאשען.

א כשרע קיך פאר יודישע זעלנער

איניגע אינטעראקסישע עסקנים האבען אונטערגענומען די גוטיגע שריט צו עפענען אין לאדז א כשרע קיך פאר די יודישע זעלנער פון לאדזער גארניזאן. זיי האפען, אז די יודישע געזעלשאפט וועט ארויסווייזען די געהעריגע סימפאטיעס און אונטערשטיצען די אזוי־וויכטיגע אונטערנעהמונג.

ארויספאדערונגען פון ארץ־ישראל

עס איז דערהאלטען געווארן אן אויספאדערונג פון ארץ־ישראל פאר ה׳ עמנואל פרייער.

דער אינטערעסירטער דארף זיך ווענדען אין ארץ־ישראל אמט (צעגעלניא 4) כדי צו ערלעדיגען די רייזע פארמאליטעטן.

קלאנג־פילם־טעאטער

Casino

הײנט צום לעצטען מאל!

„אין די מלינות פון שאנכאי“

„ליבעס־גערangel“

מארגען פרעמיערע פון דער מעכטיגער דראמע אויפ׳ן גרונד פון קאמף מיט׳ן אראבישען שייך וועגען דער שענסטער פרוי פון מזרח א. ג.

די ליבע אין דער מדבר

אין די הויפטראלען:

OLIVE BORDEN
NOAH BERRY
HUGH TREVOR

אנהויב פון די סעאנסען 4.30, 6, 8 און 10 אווענד.

יודיש טעאטער אין פילהארמאניע, נארוטאוויטשא 20

אונטער דער לייטונג פון א. בעזמאן.

איינציגע גאסטראלען פון די ליבלינגס־ארטיסטען

וויערא קאניעווסקא און פאול ברייטמאן

שבת, 4 נאכמ. די בעליבטע פיעסע אין לאדז שבת, 4 נאכמ.

דאס פענסיאן־מיידעל אין 3 אקטען מיט געזאנג און טענץ

ראלען: לילי — קאניעווסקא. ארענשטיין — ברייטמאן.

שבת, דעם 9־טען און זונטאג, דעם 10־טען, 9 אווענד, די שיינע קאמישע אפערעטע

№ 20 דאס הונדל № 20

געזאנג געזאנג

אין 3 אקטען פון י. שטיינבערג. ראלען: הונדל — קאניעווסקא. דוד — ברייטמאן.

מאנטאג, דעם 11־טען, 9 אווענט, די בעליבטע פיעסע

דאס פענסיאן־מיידעל אין 3 אקטען מיט געזאנג און טענץ

ראלען: לילי — קאניעווסקא. ארענשטיין — ברייטמאן.

דינסטאג, דעם 12־טען, 9 אווענד, די זעהר אויסגענומענע אפערעטע

רייזעלע פון יאפאן

№ 25 אין 3 אקטען פון סיגאל. № 25

ראלען: רייזעלע — קאניעווסקא.

געזאנג קאפיטאן — ברייטמאן. געזאנג

פרייזען פון 80 גר. ביז 3 זל.

אין די פארשטעלונגען בעטייליגט זיך דער ניי־אנגאזשירטער ארטיסט מ. הילסבערג

סיגעמען אנטייל פרויען: בעזמאן, ריכטענבערג, ליבראווסקא, נערה, פעדערמאן. מענער: אריעל, באלבירסקי, האמבורגער, הערשקאוויטש, נייהויז, ראקאוו. דיריג. ל. זעלמאן. בילעטן צו בעקומען אין קאסע פון פילהארם.

אנאנס! די נאהנטסטע פרעמיערע דער גרויסער אפערעטן־שלאגער „איציקעל לאבוז“

דער פאליטישער מאמענט

שווערע לאגע פון מאקדאנאלדס קאבינעט. — סעפאראטיסטישע טענדענצן. — בריאנס אקציע פאר פאן־אייראפא. — סאוויעטישע „ביזנעס"

די פארלאמענטסעסיע אין ענגלאנד איז פערענדיגט און די דעפוטאטען האבען בעקומען וואקאציעס אויף 3 חדשים, אבער די דאזיגע וואקאציעס זענען נאטירליך בלויז פארמעלע. די רעגירונג פון מאקדאנאלד וועט די צייט נישט אטאקירט ווערען אין פארלאמענט, אבער איהרע נויטען און זארגען וועלען נישט אויפהערען, און קיין זארגען פעהלען איהר נישט, די ארבייטסלאזיגקייט וואקסט, דער עקאנאמישער קריזיס ווערט נישט לייכטער, די פאליטישע פערוויקלונגען בפרט אויפ'ן נאהענטען מזרח ווערען אל קשארפער און קאמפליצירטער. ביי אזא לאגע איז דער רעגירענדער פארטיי נישט מקנא צו זיין; זי האט אין פארלאמענט נישט קיין מעהרהייט און קען נישט ארורכפיהרען איהרע פראקטישע טענדענצן וואס זי האט געגעבען די וועהלער. די אפאזיציע אבער איילט זיך נישט די רעגירונג אומצושטירצען, פערקעהרט זי האלט איהר ביים רודער, כדי זי זאל זיך וואס מעהר קאמפראמיטירען ביים לעזען די שווערע פראגען וואס שוועבען גראד איצט ארויף אין פאליטישען לעבען. אין דער דאזיגער סיטואציע האלט עס דערביי אז די רעגירונג פון דער ארבייטער פארטיי זאל אליין אנטלויפען. ס'שטעהען איהר איצט פאר צו ערלעדיגען א רייה וויכטיגע ענינים. אין סעפטעמבער זאל פארקומען א גרויסע אימפעריאלע קאנפערענץ אויף וועלכער ס'זאלען נעהמען ווערען פיל פראגען וועגען די דאמיניעס זייערע אינערליכע און צווישען־פעציהונגען מיט דער מלוכה; אין אקטאבער דארף פארקומען די אינדישע קאנפערענץ, אין וועלכער ס'זאל אויך אנטיילנעמען גאנדי. די דאזיגע קאנפערענצען קאנען זיין דעצידירענדע פאר דער ווייטערדיגער עקזיסטענץ פון מאקדאנאלדס קאבינעט. יעדענפאלס ביז נאך די קאנפערענצען וועט מאקדאנאלד ווייטער פיהרען די פאליטיק פון ענגלאנד.

און ענגלאנד לעבט איצט איבער שווערע צייטען — נאך אינדיען און עגיפטען קומט איצט צו דרום־אפריקא. די בעוועגונג וועלכע ס'האט אנגעהויבען די רעפובליקאנישע ליגע האלט אין איין פונאנדערוואקסען זיך און די פראפאגאנדע פאר אפרייסען זיך פון ענגלאנד און בילדען א זעלבסטשטענדיגע מלוכה, ווערט אלץ פערשטארקט. אינ'ם אויספיהרונגס־קאמיטעט פון דער ליגע וואס איז דארט איצט נעבילדעט געווארען זענען אריין 3 דעפוטאטען, מיטגלידער פון דער נאציאנאליסטישער פארטיי (די איצטיגע פארלאמענטס־מעהרהייט אין דרום־אפריקא) און 17 נייע דעפוטאטען האבען געמאלדען וועגען זייער אנשלוס אין דער ליגע. נאטירליך, אז דאס אפרייסען זיך פון ענגלאנד דראהט נישט פארצוקומען שוין איצט. אבער די ביישפילען פון אינדיען און עגיפטען בעווייזען, אז די לאגע ווערט ערנסט און מ'מוז זיך מיט איהר רעכענען, ווייל די געשעהענישען ענטוויקלען זיך לעצטענס מיט א פערשנעלערטען טעמפא.

ענגליכע סעפאראטיסטישע טענדענצן ווייזען ארויס אויך די איינוואוינער פון איסלאנד; אויך איסלאנד וויל זיך אפרייסען פון דענעמארק און בילדען א זעלבסטשטענדיגע מלוכה.

אין צוזאמענהאנג מיט דער ערעפנונג פון א פארלאמענט אין איסלאנד זענען אין רעיקיאוויק פארגעקומען דעמאנסטראציעס מיט'ן לאזונג פון א זעלבסטשטענדיגען איסלאנד. די דענישע פאן וואס איז געהאנגען איבער'ן פארלאמענט איז פערטוישט געווארען מיט דער איסלענדישער.

די דאזיגע סעפאראטיסטישע טענדענצען זענען זעהר כאראקטעריסטיש בפרט איצט ווען אייראפא בעראטעט בריאנס פראיעקט וועגען פאן־אייראפא. אלע מלוכות האבען שוין געגעבען זייערע תשובות מכח דעם פראיעקט, קיינע האט נישט אפגעזאגט זיך פונ'ם פלאן, אבער יעדער האט געשטעלט אזעלכע בעדינגונגען און געמאכט אזעלכע בעווארענישען אז פונ'ם פלאן וועט במילא ווערען גארנישט. ענגלאנד, איטאליען, דייטשלאנד אלע זענען זיי פאר פאן־אייראפא, אבער מיט א געוויסען „אבער"...

בריאן ווערט נישט מיד און אין צוזאמענהאנג דערמיט וואס אין סעפטעמבער בעת דער הערבסט־סעסיע פונ'ם פעלקער בונד דארף זיין פאן־אייראפא פראיעקט אפיציעל בעטראכט ווערען, גרייט ער צו א נייעם פלאן וואס זעט פאר א רייה ענדערונגען, מעהר קאנקרעטע־אופן. אבער ווי געזאגט דרעהען כדי צו קענען לאזען די פערהאנדלונגען אויף א זיך די מחותנים דערווייל ארום פונ'ם ענין אונטער פערשיידענע תירוצים.

אמבעלטסטען רעדט דייטשלאנד. זי האט זיך שוין בעפרייט פון דער רייהן־אקופאציע און רעדט אפען וועגען א רעוויזיע פונ'ם ווערסאילער טראקטאט, בפרט וועגען אפשאפען אדער וועניגסטענס ענדערן דעם איצטיגען דאנציגער קארידאר. אין דייטשלאנד ווערען געשאפען פאנטאסטישע פלענער און מ'רעדט וועגען זיי ווי וועגען „זעלבסטפערשטענדליכקייטען". וואו אין די דאזיגע זעלבסטפערשטענדליכקייטען געפינען א טיילווייזען אפקלאנג אין געוויסע ארגאנען פון דער פראנצויזישער פרעסע, נאטירליך אז די אלע „פראיעקטען" זענען ווייניגער געפעהרליך ווי די איטאליענישע פארבערייטונגען פון מוסאליני וועלכער ווערט פערפאלגט פון א גרויסקייט מאניע. די וואהלדיגע נאטור־קאטאסטראפע אין איטאליען, די קראנקהייט פון מוסאליני וועלען אפשר אפהאלטען די אנוואקסענדע אטמאספער פון א נייער מלחמה.

דערווייל האט די פאשיסטישע איטאליענישע רעגירונג אפגעשלאסען א האנדעלס־אפמאך מיט סאוויעט־רוסלאנד. די איטאליענישע רעגירונג גאראנטירט די אינדוסטריעלע 75 פראצענט פון די סאוויעטישע פערפליכטונגען און די אינדוסטריעלער בעקומען אזוי ארום א מעגליכקייט צו ערטיילען די סאוויעטען א קרעדיט. די סאוויעטישע קונים אין איטאליען וועלען הייאהר פערדאפעלט ווערען. דער דאזיגער אפמאך איז זעהר כאראקטעריסטיש און נישט נאר פאר איטאליען. ערשט די פאריגע וואך האט די פרעסע מיטגעטיילט וועגען א קאנפליקט צווישען די סאוויעטען מיט די פעראייניגטע שטאטען 19 סאוויעטישע שיפען מיט האלץ, אייזען אנטראציט און זאפאלקעס האט מען נישט געלאזט אויסלאדען אין אמעריקא. דער תירוץ איז געווען אז לויט די אמעריקאנישע געזעצען טאר מען אהין נישט אריינפיהרען קיין סחורה וואס ווערט אויסגעארבייט דורך שקלאפען (דער דאזיגער געזעץ איז געבליבען נאך פון יענע צייטען, ווען אמעריקא האט געפיהרט דעם קאמף מיט'ן שקלאפען האנדעל). ס'האט שוין געהאלטען דערביי אז די סאוויעטיש־אמעריקאנישע האנדעלס־בעציהונגען זאלען איבערגעריסען ווערען.

די אמעריקאנער עקספארטערען האבען גוט געוואוסט אז קיין רוסלאנד עקספארטירט מען 10 מאל אזוי פיל, וויפיל ס'ווערט פון דארט אריינגעבראכט קיין אמעריקא, זיי האבען אויך גוט געוואוסט אז די עקספארט ארטיקלען פון רוסלאנד ווערען נישט אויסגעארבייט דורך די ארעסטירטע אין די רוסישע תפיסות. די קאמפאניע איז פערפיהרט געווארען דערפאר וואס די עקספארטערען פערשטעהען אז דער רוסישער עקספארט הויבט זיך ערשט אן און וועט אלץ מעהר וואקסען, נאכמעהר ווייל אנשטאט די עקספארטירטע ארטיקלען בעקומט רוסלאנד מאשינען וואס וועלען איהר העלפען צו פערווירקליכען דעם 5 יאהריגען פלאן.

אבער דאס אלץ וועט קומען ערשט אין א פאר יאהר ארום, דערווייל אבער כדי נישט צו פערקלענערן דעם עקספארט קיין רוסלאנד, כדי נישט אויפצורייסען מיט איהר די בעציהונגען, האט מען אריינגעלאזט די סחורות פון רוסלאנד. דער פינאנץ־דעפארטאמענט פון די פעראייניגטע שטאטען האט דעם פערבאט אפגעשאפט און די 19 שיפען האבען אויסגעלאדען זייערע סחורה.

מערקווירדיגע ווידערשפרוכען! דאס פאשיסטישע איטאליען שאפט אפמאכען מיט סאוויעט רוסלאנד; דאס הויכ קאפיטאליסטישע אמעריקא מיידט אויס קאנפליקטען מיט סאוויעט רוסלאנד טראץ דעם וואס איהר גרויס־אינדוסטריעלער, תבואה סוחרים א. אנד. זענען אינ'ם דאזיגען קאנפליקט פעראינטערעסירט...

ביזנעס!

פ. ב.

שוין א יאהר...

די צובלוטיגטע האפנונג

עס גלויבט זיך קוים, אז מיר האבען שוין אהרצייט נאך די א״י־געשעהענישען.

עס דוכט זיך, אז דער גאנצער יאהר איז בלויז איין לאנגער בלוטיגער טאג, ווארום אין א קאלוישע בלוט ליגט דא א פאלקס־האפענונג, געצערטעלט און געהארגעט צוויי טויזנד יאהר!

מען האט איהר אט דער האפנונג, דעם גאנצען יאהר געשניטען דאס לייב פאסענווייז.

עס איז קיין שעה נישט אריבער, מען זאל אין איהר נישט איינשניידען א פרישע בלוטענדיגע, אייטערענדיגע טיפע וואונד, אבער זי איז נישט פערחלשט געווארען, אדרבה, אין איהר בלוטיגקייט לעבט זי און טאפעלט זיך אריין אין אונזערע הערצער, סטימולירענדיג אונז צו פרישע מעשים.

מען וויל די אלטע האפענונג דערשטיקען מיט נייע בעגריפען. מיט נייע געזעצען, זי אבער לאזט זיך נישט. וואס געהט איהר אן דער דעמאקראטיזם, די מעהרהייט־פראגע, די אייגענטום־רעכט, די אינטערנאציאנאלע קאמבינאציעס?

מעגען די אראבער האבען טויזנער קושאנעס אויפ'ן כותל, אבער אלע יודען פון דער גאנצער וועלט דאווענען אומעטום מיט' פנים צום כותל, פון פאר צוויי טויזנד יאהר ביז היינט — דאס האבען נישט די אראבער.

מען קען ביי אונז אוועקרייסען די שווארצע שטיינער, וואס שטעהען דארט אין די קרומע שטומע געסלעך, אבער דעם גאלדרייכען פאנטאסטישען כותל־מערבי, בעזוכט מיט'ן ארעאל פון היסטארישער שכינה, וועט מען פון אונזערע הערצער נישט נעמען; דארט וועט ער לייכטען און ווארימען דעם יודישען געפיהל נאך יאהרען און יאהרען...

מעגען די אראבער זיין די יודישע באלעבאטים פון פאלעסטינע און ווייטער קולטיווירען דארט די מאלאריע און אלע איבריגע מדבר־אטריבוטען.

אין יודישען נעראנק וועט אלץ לעבען דאס שיינע לאנד פון מלך און דאוויד, די וויגעלע פון אונזער נאציע, וואו מיר האבען, אין עבר, איבערגעלעבט די איידעלסטע חלומות פאר'ן וועלט־עתיד.

חלומות, צו וועלכע עס שטרעבט נאך איצט אומויסט א גאנצע וועלט, און וועלכע מען וועט אמאל מוזען דערגרייכען אויב די מענשהייט זאל אינגאנצען נישט מוזען אונטערגעהען.

אונזער האפנונג שטאמט נישט פון דער מאדערנער אינטערנאציאנאלער יוריסדיקציע, זי איז דורך איהר נעשלאסען געווארען, מעט אבער דורך איהר נישט געהיילט ווערען.

צוויי טויזנד יאהר האט זי, די האפענונג, געשוועבט אין דער לופטען ווי א שיינער גייסט פון משיחישע פאנטאזיעס, און ווי א גייסט, האט זי קיינמאל נישט געקענט אנגעגריפען ווערען דורך ברוטאלע מענשישע הענד.

און ווי נאר זי האט אנגעהויבען פערגעשמט ווערען, ארויפציהען הויט און ביינער, בעקומען א חומרנ'דיגע געשטאלט, האבען גזלנים איהר נעכאפט צובלוטיגט און פערוואונדעט. זיי האבען אבער אנגעריהרט נאר דעם גוף, צו איהר נשמה האבען זיי נישט דערלאנגט. איהר נשמה איז נישט אנצוטאפען, ווייל זי געפינט זיך אין חלל פון וועלטען און צייטען, אריינשטראהלענדיג פון די אומדערגרייכבארע הויכען אין די הערצער פון מיליאנען יודען.

וואס איז פאר איהר פאליטיק, דעמאקראטיזם, פארלאמענט, עמיגראציע? דורך די שפארונגס פון די אלטע מאדערנע בעגריפען רייסט זי זיך אריין און ברענגט אריין א צוטומלעניש אין אלע פארשטעלונגען.

ציוניזם, א.ענק, פאליטישע קאמפען, חלוציזם א.אני.אציע — דאס זענען אלץ די פוסטע גלידער פון דער גייסטיגער האפענונג, וועלכע זענען געווארען אנגעגריפען און פערוואונדעט.

פון זיי רינט עס בלוט שוין א גאנץ יאהר צייט.

אבער די גייסטיגע האפענונג, וואס איז שוין צוויי טויזנד יאהר אלט, איז געבליבען גאנץ.

גאנץ אין יודישע הערצער.

פ. ס.

דער עקספערימענט

אין דער סאציאלדעמאקראטישער מלוכה אין וויען

(א בריף פון וויען)

וויען און ראטען־רוסלאנד זענען צוויי מדינות, וואו כמעט אין איין צייט האבען די סאציאליסטען פערכאפט די מאכט — אין רוסלאנד די קאמוניסטען, אין וויען — די סאציאל־דעמאקראטען. וועגען די אויפטוען, איבערקערענישען, אומגליקען אין רוסלאנד קלינגט די וועלט, יעדער־ער איז מיט זיי מעהר אדער ווייניגער בעקאנט. טיילווייז טאקע דערפאר זענען גוט־בליבען אין שאטען די אויפטוען פון דער וויענער שטאט־פערוואלטונג.

און באמת איז העכסט־אינטערעסאנט פאר יעדער שטאט און טאקע אין פערגלייך אויך מיט רוסלאנד, צו בעקענען זיך מיט אנאנדער סאציאליסטישען עקספערימענט, מיט א לאנד, וואו העכער צעהן יאהר הערשען די סאציאל־דעמאקראטען, בעקענען זיך מיט זייערע מעלות און חסרונות.

איך זאג „א לאנד", ווייל צוליב דער בעזונדערער לאגע, וואס וויען פערנעמט, ווי א וועלט־שטאט ווי א הויפט־שטאט מיט 2 מיליאן מענשען אין א מלוכה פון 6 מיליאן, איז וויענער שטאט־פערוואלטונג צוזאמען א לאנדעס־פערוואלטונג. וויענער דיעטע איז צוזאמען אויך א פארלאמענט מיט געזעצגעבערישע פונקציעס און א צעהנדליג יאהרען זענען די סאציאליסטען אין וויען געווען פולשטענדיגע באלעבאטים; נאר די לעצטע צייט האט זיך דער פארלאמענט פון עסטרייך, וואו די מעהרהייט איז א בורזשואזיע, זיך געכאפט און גענומען פיהרען א קאמף מיט וויענער שטאט־פערוואלטונג.

מ'לא פון וויען ביזן סאציאליזם, ווי דאס שטעלט זיך פאר דער אידעאל, איז נאך א ווייטער מהלך, אבער געוויסע קארעקטורען אין קאפיטאליסטישער ארדנונג האבען זיי דאך אריינגעטראגען און בכל אופן איז דאס גרעסטע, וואס די סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי קען אויפטון און איז דעם ליגט די פאליטישע בעדייטונג פון דעם עקספערימענט.

ראשית האבען זיך די וויענער סאציאליסטען גענומען פאר דער קעשענע פון די רייכע, אבער נישט דירעקט, אויפ'ן קאמוניסטישען שטייגער, נאר האבען רעפארמירט דעם שטייער־אפאראט. סיי די הכנסה סיי די הוצאות.

די הויפט־הכנסה פון די שטעט אין דער גאנצער וועלט איז נאך עד־היום די דירה־הכנסה. אין דעם אופן, ווי זי ווערט איינגעמאהנט אומעטום, פאלט עס אויף די פלייצעס פון דער ארימער און מיטעלער בעפעלקערונג. די סאציאליסטישע וויען האט אפגעשאפט דעם פונקט פון הכנסה, ווי א כלל פאר יעדער הייזעל און יעדער קרעמעל, די האט אזום געלאזען נאר פאר אזעלכע דירות, און קראמען, וואס טיילען זיך אויס מיט זייער לוקסוס, שענקיט, גרויסקייט און אנדערע סימנים פון עגדרות און אזוי האבען די בעפרייט פון דירה־שטייער צוויי דריטעל פון דער בעפעלקערונג.

שפעטער האט מען איינגעפיהרט אויך אנאלגעמיינעם ספעציעלען אפצאהל פון דירות, וועלכער הייסט בוי־אפצאהל, און איז צוטיילט מיט א גרויסער פראגרעסיווער איינטיילונג אזוי, אז 90 דירות פון די גבירים צאהלען אזוי פיל, וויפיל 350 טויזנד דירות פון ארבייטער און אנגעשטעלטע. די הכנסה אבער געהט נישט אריין אין דער אלגעמיינער קאסע, נאר שאפט א בעזונדערען פאנד, אויף בויען הייזער פאר ארבייטער און אנגעשטעלטע, די אזוי־גערופענע בלאק־הייזער, מיט אלע מאדערנע איינריכטונגען. די קלענסטע דירה האט א וואנע־צימער, אנ'עלעקטרישע שד און אנדערע בעקוועהמליכקייטען.

דער אלגעמיינער פרינציפ פון צאהלען שטייער בעשטעהט אין דעם, וואס מען נעמט צאהלען ערשט פון דעם מאמענט, ווען דער מענש פאנגט אן צו לעבען עטוואס בעסער, מיט הרחבות, מיט לוקסוס. אזוי, למשל, עקזיסטירט אנ'אפצאהל פון דינערשאפט און אויב איהר האלט 2—3 דינסטען, טאקע דער אפצאהל א גאנץ הויכער, קאפע־הייזער מיט מוזיק צאהלען א גרעסערען אפצאהל, ווי איינפאכע א.א.וו.

דאס מערקווירדיגסטע און בעלערענדיגסטע אין הוצאה־בודזשעט זענען די אויסגאבען אויף סאציאלע פערזארגונג פאר קינדער. דא האבען מיר צו טון מיט א גאנצער סיסטעם, א געשלאסענע קייט צו פערזארגען קינדער, אנהויבענדיג פון טרעגס בויך ביז דער מענש ווערט זעלבסטשטענדיג.

דעם חשובסטען ארט אין דער סיסטעם פערנעמט דער וויענער שולוועזן, דאס אוועקשטעלען די שולען לויט דעם נייעסטען ווארט פון סאציאלער פעדאגאגיק און פסיכאלאגיע. אין דעם פרט האבען זייער פיל צו לערנען אונזערע לעהרער און עלטערען. עס פאדערט אבער א בעזונדערע ספעציעלע אפהאנדלונג; איך וויל מיר דא בעגרענעצען מיט דער אלגעמיינער סאציאלער זייט פון דער פראגע.

נאך ווען דאס קינד איז אין מוטערס־בויך, שוין אין 4־טען חודש פון שוואנגערשאפט, קען יעדע פרוי, וואס גרייט זיך צו ווערען א מוטער, קומען אין איינעם פון די זעקס און דרייסיג ערטער, וואו מען רעגיסטרירט, אין גיט אומזיסטע מעדיצינישע עצות פאר צוקונפטיגע מוטערס.

ווען דאס קינד ווערט געבוירען, הערט אזא מוטער, אויב זי געהערט נישט צו א קראנקען־קאסע, ארויסגעגעבען אין משך פון פיר וואכען 40 שילינג (אומגעפעהר דרייסיג לאט) און אויסערדעם א גאנץ וויג־דעלעך, וואטע, קינדער־פודער און אלץ, וואס איז נויטיג פאר א ניי־געבוירענעם. צו יעדער מוטער אהן אויסנאהם, וואס האט זיך רעגיסטרירט, קומט גלייך נאכ'ן געבוירען אנ'אנגעשטעלטער פון שטאט־פערוואלטונג מיט אזא ברייטען שלח־מנות. דאס איז די מתנה פון דער שטאט וויען פאר יעדע ניי־געבוירענעם בירגער. אויב די מוטער איז אזוי רייך, אז זי זאגט זיך אפ פון דער מתנה, גיט איהר אפ דער שליח אין נאמען פון דער שטאט א הארציגען מזל־טוב און טראגט אוועק די מתנה פאר אנ'אנדערער, א מעהר נויט־בעדערפטיגער מוטער. אויב, פערקעהרט, די מוטער איז אין אזא לאגע, אז זי קען ביי זיך דאס קינד נישט האלטען, אדער אויב די מוטער שטארבט,

(ווייטער זעהט זייט 14)

DOKTOR
H. WOŁKOWYSKI
צעגעלניאנא 25, טעל. 126-87
צוריקגעקעהרט
ספעציאל־ארצט פאר הויט־ און ווענערישע קראנקהייטען, מענער־שוועכע, אלע ארט אנאליזען, עלעקטראטעראפיע, בעהאנדלונג מיט קווארץ־שטראהלען.
נעמט אן פון 2—8 נאכמ. און פון 6—9 אוונט

די ערשטע צו אנטלויפען!

(א בריוו פון אמעריקא)

פון ל. מלאך

איך אנ'אונטערגייענדיגער שיף, זענען די מייז די ערשטע, וועלכע דערפילען די סכנה און ראטעווען זיך די ערשטע מיט — אנטלויפען.

אין אמעריקא ליגט א גרויסער „חולה" — יודיש. עס שטעהען ארום דעם צוקאפענס די נייטיגע חברה-קדישה-ניקעס, ציילען די מינוטען, ווען וועט דער גסס שוין צושליסען די אויגען און — מען וועט זיך זיין מתעסק זיין און נעמען צו קראפקעס אקעווען...

פאר'האן אזעלכע „פראפעסיאנעלע" שווארץ-זעהער וואס דערזעהען שוין ממש דעם סוף פון יודיש אין זייערע טעג. זיי זאגן עס גלייך ווי; זיי האבען דאך דאס „פאר'אויסגעזאגט", זיי האבען שוין דעם פיין פראלאג איבערגעלעבט. זיי האבען שוין שלום געשלאסען מיט'ן גורל. אזוי, און נישט אנדערש מוז עס זיין.

קאנען זיי זיך מיט א לייכט געמיט איצט צונויפקומען צו קאנפערענצען. האלטען דרשות און — נישט אנגאנזען צו רעזיגנירען פון זייער שטיקעל דעה איבערן שטיקעל יודישען לעבען. גיט מען עצות, פערשרייבט מען רפואות, אפשפרעכונגען, סגולות.

צו דעם האט זיך געכאפט ב. ריווקין, דער פיינער קריטיקער-עסייאיסט. ער איז אויס (כאטש אין תוך נישט דער ערשטער) מיט דעם געדאנק פון א „אל-אמעריקא", דאס הייסט אויף די חורבות פון יודיש וועט ער ראטעווען וועניגסטענס די יודישע קולטור. עס איז איצט די צייט פון דור הפלגה, בעזונדערס אין אמעריקא. ענגליש שטייט מיט א גרויס, ברייט, געעפענט מויל און שלינגט איין די שפראכען פון די פעלקער, וואס בעוואוינען דעם „גן עדן" ערד פון די פעראייניגטע שטאטען. ריווקינען, דעם יודישיסט, דעם קאמפער-„איד-אפע"-מענש, גייט שוין נישט בלויז אין יודיש; נאר די אנדערע מיטגרייטערס-שפראכען אין דעם נייעם בבל, האט ער צוגעפאסט אט די אלע „אחים צרה", פרובט שאפען ארום זיי איין גארטעל, און נישט צו ראטעווען דעם אונטערגאנג פון זייערע שפראכען, נאר דאווענען איין מנין, איין א בשותפות'דיגען סידור איבערגעטייטשט אין ענגלישען עברי-טייטש...

אזוי אדער ענליך, ווערט פארמולירט זיין מאניפעסט. דורך ענגליש מוז אט די לשונות פרעסערין, ציל ער ראטעווען זיין שפראך און די שפראך פון זיין שכן, דעם סלאוו, דעם לאטיין, דעם מאגיאר, דעם אינ-גום, און דעם נאהענטען מזרח-מענש.

פערגעסט ער אבער, אז „זיין" שכן דער פאליאק קאן זיך אן זיין טובה גאנץ גוט בעגעהן. די פוילישע שפראך, און די פוילישע קולטור וועט כמעט גארנישט ליידען, ווען אפילו די עטליכע מיליאן פאליאקען, וואס וואוינען צווישט איבער אמעריקא, וועלען אין א שעהנעם טאג אויפהערען צו רעדען פויליש און צו אטעמען מיט דער אמעריקאנער קולטור.

דאס פוילישע פאלק האט היינטער זיך א פעסטע וואקען-בייז, א לאנד און א מלוכה.

זאל עס, גייט פויליש נישט אונטער אין אמעריקא. דא וואו זיי וואוינען אין קאמפאקטע מאסען ווי דעטראיט, שיקאגא, באפאלא און אנדערע, זעהט מען גאנץ גוט ווי א בעזונדער שטראם גייט פאראלעל מיט דעם ענגליש אמעריקאניש; איטאליעניש די שפראך. לאזט זיך אודאי נישט פערשלינגען אין אמעריקא דער דא-דא. און דער כינעזער, דער יאפאנעזער, דער גריך, דער שפאניער, דער אראבער, דער טערק האבען גאר אפילו נישט געפרובט איבערבייטען זייערע לשונות פאר'ן לשון ענגליש. די אסימילאציע קלעפט זיך נישט.

אט די אלע פעלקער, זארגען זיך ווייניג וועגען אונטערגאנג פון זייער קולטור אין אמעריקא. די בעקומען עס פון זייערע היימען, אפילו ווען זיי שאפען דא נישט קיין אייגענע. דערפאר זענען טאקי די אויסלענדישע שפראכליכע אינסטיטוציעס אין אמעריקא מאגערע, די צייטונגען — ארימע און נעבעכדיגע.

און אינטערעסאנט איז, וואס דער יוד אין אמעריקא שפילט די ראלע פון דעם שמש, דעם לויפער און שיל-אריין-וועקער. דער יוד דארף דערמאנען דעם פאסטוכען, וועגען די עולה'ס, וואס פעטער „סעם" בעגייט לגבי איהם, און איהם רופען צו פערטיידיגונג פון זיינע כחות, צו פראטעסט, צו ארגאניזאציע, ווי עס איז לעצטענס געווען דער פאל מיט דער גזירה, אז אלע עמיגראנטען וועלען מוזען זיך רעגיסטרירען און ארומטראגען מיט זיך א פאספארט.

עס עקזיסטירט שוין אייגענטליך אזא פערבאנד אין אמעריקע פון קולטורעלער אינטעלעקטועלער צוזאמענארבייט צווישען פעלקער, דער אנפיהרער איז טאקע פראפעסאר זשאן דיוי, אט דער נאמען וואס דערמאנט אזוי אין דעם ליכטיגען פוילישען פראפעסאר באדוען קאטשנער, אבער דער פראגראם פון דער פערבאנד איז נישט קיין פשרה-מאכעריי מיט דער הערשענדער שפראך, וואס האט נאר איין ציל: צו פערניכטען, צו דערשטיקען, צו פערשטראמען אלץ וואס איז נישט ענגליש שפראכיג און אלץ וואס איז נישט הונדערט פראצענטיג אמעריקאניש.

איצט ב. ריווקין האט זיך דערטראכט צו א רעיון, וואס זאל ראטעווען יודיש פון פערשפילט ווערען. איז דאס נישט דער וועג פון צוזאמענשמעלצונג, פון יודישען שאפען אויף צוויי שפראכען גלייכצייטיג. אזעלכע פרובען זענען נישט איינמאל געמאכט געווארען. צום פאזיטיוון יודישיזם האט עס נישט קיין שייכות נישט אפילו ווען עס בלייבט א פאזיטיווער צורך פאר דער יודישער קולטור. אויף דעם זאגט עדות די גרויסע „יודאאיקא" ליטעראטור אויף אלע וועלט-שפראכען. וואס האט גענעבען צו פערשטארקען יודיש און יודישיזם? און די יוגענד, וואס געהט אוועק פון אונז? קענען מיט דאס אריין אין די דאזיגע „טייטש ספרים"? און די „פשעגלאנדס" די „וואסכארדס" די „איזראעלס" די „הייניס" און די אלע „יודענס" האבען נישט נאר נישט געראטעוועט דעם אונטערגאנג פון אונזער אומה, נאר פערשנעלערט די טריט פון דער אנקומענדיגער אסימילאציע, אסימילאציע שוין אן א פאליטישען-רעליגיעזען בעוואוסטזיין אפילו.

לאזען יודישע שרייבער זאלן שרייבען גלייכצייטיג אין ביידע שפראכען, אין יודיש און אין ענגליש.

אזוי פארמולירט ב. ריווקין, זיין פראגראם פון „אל-אמעריקא" (דאס איז נאך א חסרון, וואס טוט מען ווען ער שטעלט אריין א „פונקט אין דער קאנסטיטוציע" און מיר זענען מחויב צו שרייבען אין אלע זיבעציג לשונות) ווייסט דען נישט ריווקין, אז נאר ווערק, וואס זענען געשריבען אין יודיש און פאר יודען, אז די דאזיגע נאר איבערגעזעצט ווערען אין די לאנד-שפראכען, און נאר די ווערק קאנען געבען דער קולטור-וועלט דעם אמת'ן בעגריף, וואס עס טוט זיך אין אונזער גייסט. און אז שרייבען לאזט זיך נישט אזוי צוטיילען, דילעטאנטיש, וואויל לייטיש זיך אויסצייכענען, מיט שרייבען אויף צוויי שפראכען.

און שרייבען אויף יודישע טעמען אין פרעמדע לשונות וועט עס געבען אזא רעזולטאט ווי ניי-טאן אש'ס ווערק. און די גוים וועלען עס אננעמען פאר קונסט נישט ווייל עס איז עקזאטיש טשיקאווע למשל, ווי אייב קאהאנ'ס „דאמאן" רהיי דיין און לעווינסקי.

עס זענען דיכער פערהאן יודישע שרייבער, וואס שרייבען אין גוי'שען לשון, אודאי און ישראל זאנגוויל א געווינס פאר דער יודישער קולטור און ליטעראטור, ווען אפילו זייערע יודישע ווערק מוזען איבערגעזעצט ווערען אויף... יודיש. אבער אנסקי'ס „דיבוק", וואס איז געשריבען געווארען אויף יודיש און פון דער שפראך איבערגעזעצט געווארען אויף כמעט אלע וועלט-שפראכען האט דער יודישער ליטעראטור געברענגט מעהר כבוד ווי מייקל גאלד'ס „איסט סיידער" מיפען שוין געשריבען דירעקט אויף ענגליש.

ב. ריווקין איז בעהערשט געווארען פון א אידעע וואס איז שוין נישט קיין נייע אידעע, שוין ד"ר לודוויג זאמענהאף האט דאס אויסגעחלומט, אז זיין עספעראנטא-שפראך, וועט זיין דאס דאזיגע, וואס ריווקין וויל מאכען פון יודיש. איין שפראך פאר זיך, פארן איינענעם גוף-בעדער (אויב זיי וועלען טעלען) און איין שפראך פאר דער גאס. דער איינענער פאלבישער לאזונג ווי: זיי א יוד אין הויז און א מענש — אינגאס, די אידעע האט באנקראטירט. אפילו אין לאנד פון דער סאציאלער רעוואלוציע, אין ראטען-פערבאנד, האט מען בכוונה ארויסגעגעבען פון די שולען און שטויב די אלטע שפראכען, די אפגעפארבט, איבערפאלירטע, אפגעפרישט און זי ארויסגעבראכט אונטער דער זון. גראד איצט, ווען עס דאכט זיך, אז יודיש געהט אונטער און אויפ'ן אויג ווייזט עס אזוי אויס, טיילט אבער אונטער דער אויבערפלאך, און טאקע אין אמעריקא אויך, וואס עס ווייזט סמנים פון אויפלעבן. די גאס אין פאסיוו און דערהויפט, אבער די געזעלשאפט אין פערשטארקט, און פערשטארקט זיך. אין שטעט און שטעטלעך, ווי מען האט נאך אפילו מיט פינף יאהר צוריק נישט געטראכט פון אזא זאך ווי א מאדערנער שול, און זי עקזיסטירט. יודיש, יודיש לעבען שפירט איצט מיט פרייטע שריט און שלעפט מיט זיך די אפאטישע, די אפגעשטאנענע אדער די קיינמאל נישט געקומענע צום בעוואוסטזיין.

פון דעם, דארף מען נישט דינגען, אז אלץ איז גלייך און גלאט מיט יודיש אין אמעריקא. אבער דעם פזמון האט מען שוין געזונגען מסתמא מיט צוואנציג יאהר צוריק און אויס דעם חשבון, האט ב. ריווקין געדארפט זיין איצט דער לעצטער יוד, וואס זאל אויסשרייען שמע ישראל און זיך לאזען פערברענען אויפ'ן שייטער-הויפען מיט די לעצטע איבערגעבליבענע בלעטלעך פון דער יודישער ליטעראטור.

אין דער יודישער גאס, סיי אין קאפ, און סיי אין די ברייטע קרייזען פון דער יודישער געזעלשאפט, ווערט נאטירליך נישט אויפגענומען ריווקינס „רעטונגס-פלאן". די נאאיווע גוים שענקען דאגעגען איהם יא א סך אויפמערקזאמקייט. אפילו א קאנגרעס, וואס איז לעצטענס איינגעהאלטען געווארען, האט די פראגע ברייט ארומגערעדט.

איינער פון די פיהרער פון די צעירי ציון. און א נאהענטער צו דער יודישער נאציאנאלער ארבייטער פערבאנדישע אידעאלאגיע, חיים גרינבערג, האט אין איינע פון די הויפט-רעפעראטען אויף א צוזאמענפאהר ערקלערט, אז יודיש גייט אין אמעריקא איינגאנצען אונטער. העברעאיש קאן נישט ווערען אין גלות די שפראך פון די מאסען, לכן, זאל מען אננעמען די האנט פון דאריץ — מתיר מאכען ענגליש. כשר'ן ענגליש הייסט עס. זי איינמאל פאר אלעמאל דערקלערען די שפראך פון די יודישע מאסען אין אמעריקא איז ענגליש!!

דאס נעמליכע וואס ריווקין, אבער קאנקרעטער. צו וואס זיך חקירה'נען, צוויי שפראכיגקייט, דריי שפראכיגקייט. איינמאל פאר אלעמאל, אנשטאט די מאסען זאלען אליין אוועקגעהן, איז מ'זאל ערשט דארפען מתיר-נדר זיין ווי די קאמוניסטען אין אמעריקא, אז זיי מעגען רעדען און אריינקוועטשען א פונקט אין שלחן ערוך, אז מען מעג רעדען ענגליש, נאכדעם ווי מען רעדט שוין סיי ווי, בעטער פערכאפען זיך די מאסען זיי זאלען זיין מיט זיי.

די רעדע איז די דעבאטע איז געווען ווי מען זאל אין ענגליש די הויפט „אישו" פון דער קאנפערענץ. די דעלעגאטען, הגם בלוי-ווייס געפארבט מיט א רויטען בליץ טראפ פון סאציאליזם און מיט א קוועטש פון העברעאיזם, האבען זיך דערשראקען פאר דעם געשפענסט וואס חיים גרינבערג האט ארויסגעפיהרט. דער „והיה באחרית הימים" האט געהערט. מען האט אינסטינקטיוו דערפילט, אז אויב די „נבואה" זאל פער אמת'ע ווערען, וועט עס נישט נאר זיין א סוחר יודיש, נאר צו דער גאנצער בעוועגונג, און נישט נאר דער צווייג וועט אפפאלען און דער גאנצער בוים וועט ווייטער וואקסען, נאר דער ווארצעל וועט אין דער ערדע, און דער בוים וועט טרוקענען.

שפראך איז דער פונד, און דער איינגאנג, אין דער לעבענס-פאדעם. אין די זאפט פון לעבענסבוים, וועט דאס אויסגעריסען ווערען, וועט אלץ, דאס גאנצע יודישע לעבען, דאס פאלקסטימליכע אפשטאמבען און דער נאציאנאלער ארבייטער פערבאנד, דער ארבייטער רינג און אנדערע טרוקענען.

דערפאר גייט אפשר אן אזא פיבערהאפטע טעטיגקייט אין בילדונגס-דעפארטאמענט פון ארבייטער-רינג. די גאנצע אויפמערקזאמקייט ווערט איצט געשאנקען די שולען. מיט געוואלד האלט מען אויף די אלטע שולען און מיט אנשטרענגונג עפענט מען נייע. מען ווייסט אז אהן די שולען, אז אהן יודיש, העלפען די אכציג טויזענד מיטגלידער פון ארבייטער-רינג פערטראגען ווערען די לייכטע שפענדלעך.

יודיש אין אמעריקא, לאמיר זיין גערעכטער, איז נישט אזוי עולה לגדולה'דיג אין איצטיגען מאמענט, אבער קיינמאל האבען זיך די געזעלשאפטליכע טוער נישט אזוי איינגעשפאנט אונטער עול פון יודיש ווי איצט. מען פילט די סכנה, אבער נישט האפענונגסלאז. עס קומט איצט פאר א דעמאבליזאציע, מען רייסט זיך ארויס פון גלייכגילטיגקייט. און אפשר איז נויטיג אט דער דאזיגער „קריזיס" כדי מען זאל זיך אויפטרייסלען, און בייטשען דעם קריזיס.

1 אט די אלע טומה'ס, וועלען אודאי בלייבען שטיין מיט זייערע „באבסקע" רפואות. מיט יודיש וועט נישט געשעהן קיין נס. לעבען איז נישט קיין נס, נאר א גרויסע אוא, סידאס קיינער נישט ארויסגעריסען יודיש מיט א ציפער-שטעקעלע פון דייטשען דיאלעקט ארויס. א פאלק האט געדארפט האבען אין איינענעם ארויסריקס מיטעל, און עס איז געקומען. ליבע און מיר האבען עס געצערטעלט און איינגעוואיקט. שוואכע און אפגעלעבטע זענען תמיד גרייט צו מאכען פשרות, אבער ווי לאנג די שפראך לעבט אין פאלקס-מויל, ווי לאנג יודיש שניידעלט זיך געפערלעך אין דער יודישער ליטעראטור, אזוי לאנג דארפען מיר נישט די עצה-געבער, די בעלי מופתים, און די קליינשטעטעלדיגע מומחה'ס.

נישט דאס אמאליגע גענף

(א בריוו פון דער שווייץ)

דער צוג דערנעהנטערט זיך צום ציל און דער קאנדוקטאר זאגט אן מיט זיין עטוואס הייזעריגער שטימע און שטארקען דייטש שווייצארישען אקצענט אויף פראנצויזיש: „זשענעוו, טו לע מאנד דעסאנד" („גענף, אלע שטייגען אויס").

בסך הכל פיר שעה רייזע מיט'ן שנעל-צוג פון באזעל ביז גענף און דאך וואס פאר א קאנטראסט אין לעבען, ריטם, פערקעהר און בעוועגונג פון די ביידע שטעט. איהר בעמערקט דא גלייך דעם קאנטראסט פון צוויי גרונד-פערשידענע קולטורען, וועלכע זענען ווייט איינע פון דער אנדערער כרחוק מזרח ממערב.

גענף איז די באמת-אויסגעשפראכענע פראנצויזיש-שווייצארישע שטאט פאר עקסעלאנס. די פראנצויזישע קולטור, שפראך און זיטען דאמינירען און הערשען דא פולשטענדיג. דאס לאזט זיך אייך באלד איבערהויפט מערקען. דער פולס שלאגט דא פיל שטארקער, דאס לעבען פיל רוישיגער, ווי אין די אנדערע שווייצארישע שטעט. דער פראנצויזישער שווייצער אדער בעסער געזאגט, דער פראנצויזיש-רעדענדיגער שווייצער איז בטבע נישט אזוי רעזערווירט, צוריקגעצויגען און אין זיך פערשלאסען, ווי דער דייטשער שווייצער. דער גענפער בפרט איז נאך העפליכער און מכניס-אורח'דיגער געשטימט לגבי דעם אויסלענדער-טוריסט.

די טוריסטען, וועלכע פערפלייצען כמעט צו יעדען סעזאן די שווייץ צום מיידען על פי רוב אויס די גרויסע שטעט, רייסען עס זעהר גוט און מאכען פאר גענף אן אויסנאהם. דער עולם טוריסטען בלייבט דא געוועהנליך מעהרער, ווי אין כמעט אלע אנדערע גרעסערע שווייצארישע שטעט, וועלכע דינען על פי רוב בלויז אלס טראנזיט-האטעלען צו דער העכליכער פראכטפולער ממש גן - עדן'דיגער שווייצארישער לאנדשאפט.

א חוץ דעם אלעמען פערמאגט נאך גענף א ספעציעלע צוציהונגס-קראפט פאר די טוריסטען צוליב איהר הערליכער געאגראפישער לאגע, ווי אויך צוליב איהר וויכטיגער היסטארישער בעדייטונג. די שטאט פון קאלווין, זשאן-זשאק רוסא, גענער און אלע אנדערע שווייצער-גדולים, וועלכע האבען געשפילט אזא בעדייטענדיגע ראלע אין דער אייראפעאישער געשיכטע, בעציבערט ממש דעם טוריסט מיט איהר פראכטפולער נאטור-לאגע און העכליכער גענפער אזערע.

דער גענפער פון זיין זייט איז שוין צוגעוואוינט צו דעם עולם טוריסטען און צו זייערע שוואכקייטען. בעזונדערס אמוזירט על פי רוב דעם איינגעזעסענעם די ניינעריגקייט און די קעלבערנע התפעלות פון די אויסלענדישע טוריסטען. און טאקע: לויפען מענשען (און דערוואקסענע מענשען דערצו) ארום גאנצע טעג מיט פערדרעהטע קעפ, מיט פערקאטשעטע גאלף-הויזען און פאטא-אפאראטען אין די הענט, ווערען נתפעל פון יעדער קלייניגקייט און האלטען אין איין פאטאגראפירען און ארונטערנעמען זיך. דער קליינבירגערליכער אויסגערעכנעטער סאלידער שווייצער קען עס בשום אופן נישט פערשטעהן. די איינציגע נקמה, וואס ער זעהט אויפ'ן אויסלענדישען טוריסט איז די טרינק-געלד-עפידעמיע אין דער שווייץ, האט איהם וואהרליך א מכה שלא כתובה בתורה, פאר דעם אנגענעהמען רייזענדער, וועלכער מוז וועגען יעדער קלייניגקייט אנקומען צו דער ארטיגער בעפעלקערונג.

* * *

אין דעם יודישען וועלטעל פון גענף איז אביסעל אומעטיקליך. פון דער גאנצער אמאליגער פאליטישער עמיגראנטען-קאלאניע איז איבערגעבליבען געצעהלטע יחידי סגולה. אויך זיי לעבען מיט'ן עבר און האלטען זיך אפ פון יעדער געזעלשאפטליכער און פאליטישער טעטיגקייט צווישען דער איצטיגער יודישער בעפעלקערונג. די לעצטע רעקרוטירט זיך מייסטענס פון איינגעבירגערטע עלזאסער יודען, וועלכע בילדען א מעהרהייט פון דארטיגען ישוב. א קלענערען טייל פערנעהמען די איינגעוואנדערטע מזרח-אייראפעאישע יודען. דער אנטאגאניזם און די שנאה צווישען די מזרח און מערב-אייראפעאישע יודען אדער ווי זיי זאגען „אסט-און וועסט-יודען" איז אומגעהייער שטארק. לאמתו של דבר מוז צוגעגעבען ווערען, אז ס'עקזיסטירט ווירקליך א קולטורעלע מחיצה צווישען די דאזיגע ביידע שיכטען פון דער ארטיגער יודישער בעפעלקערונג. אבער נישט נאר קולטורעלע, זאגאר, אנ'עקאנאמישע מחיצה איז דא פארהאן צווישען דעם מזרח און מערב-אייראפעאישען טייל פון דער יודישער בעפעלקערונג.

דער אלט-איינגעזעסענער מערב - אייראפעאישער עלעמענט איז מעהר אדער ווייניג עקאנאמיש בעפעסטיגט און פערנעהמט א זיכערע איינגעווארצעלטע פאזיציע אין דער שווייצארישער פאלקס-ווירטשאפט. דער ניי-איינגעוואנדערטער מזרח-אייראפעאישער עלעמענט האט דאס רוב נישט קיין פעסטע באזע אין עקאנאמישען לעבען פון לאנד. צוליב דעם טאקע קוקען די מערב-אייראפעאישע יודען אויף אחינו בני ישראל פון מזרח פון אויבען אראפ. די שפראך - מחיצה צווישען ביידע שיכטען איז דא אויך בעדייטענד גרעסער, ווי אין דעם דייטשען שווייץ. אין די דייטש-רעדענדיגע שווייצער-שטעט לערנט זיך אויס דער עמיגראנט שנעלער אדער מיינט לכל-הפחות, אז ער לערנט זיך שנעלער אויס די לאנד-שפראך און דבר'ט מכלומרשט דייטש. נישט אזוי איז די פראנצויזיש-רעדענדיגע ישובים פון דער שווייץ. דער איבערגאנג צו דער פראנצויזישער שפראך איז פיל שווערער און אפילו די, וועלכע זענען זוכה איינצולערנען זיך די שפראך ווי געהעריג, בלייבען ביי זייער פרעמדען אקצענט, פון וועלכען זיי קענען אין לעבען נישט פטור ווערען. דער אנטאגאניזם, די שנאה און דער האס צווישען די ביידע שיכטען פון דער ארטיגער יודישער בעפעלקערונג איז אומגעהייער פונאנדערגעבלאזען און איבערטריבען פון ביידע צדדים. זעלבסטפערשטענדליך שאדט עס קאלאסאל דעם קולטור-לעבען, פאליטישען און נאציאנאלען צוזאמענלעבען פון די ארטיגע יודישע קבוצים.

ביי דער דארטיגער גייסטיגער אינטעלעקטועלער און אינטעלעקטועלע כחות הערשט די דאזיגע שפאלטונג אין „אסט- און וועסט-יודען" ממש צושטערענד. די מעהר-פראגרעסיווע און נאציאנאלע עלעמענטען פון ביידע לאגערען הייבען לעצטענס אן עס צו פערשטעהן און סטארען זיך מיט אלע מעגליכקייטען דעם ריס צו פערקלענערען און די מחיצה צו בעזייטיגען. למען האמת מוז אויך געזאגט ווערען, אז די מזרח-אייראפעאישע בעפעלקערונג איז לעצטענס בעדייטענד בעריינערט געווארען מיט יונגע פרישע אינטעלעקטועלע כחות, וועלכע רעקרוטירען זיך על פי רוב פון דער ניי-צוגעוואנדערטער מזרח-אייראפעאישער יודישער סטודענטענשאפט. די שארית הפליטה פון דער אלטער פאליטישער עמיגראנטען-קאלאניע לעבט, ווי געזאגט, צוריקגעצויגען פון יעדער פאליטישער און קולטורעלער ארבייט און שפייזט זיך נאך עד היום מיט זכרונות פון שענעם עבר.

* * *

און זכרונות האט דער גענפער עולם לרוב. מיר זיצען אין קאפע „לאנדאלט" און כאפען א שמועס. עס רעדט זיך אזוי, מיר כאפען א שמועס. דאס ווארט האט דער אלטער עמיגראנטען-עולם פון גענף און מיר זענען בלויז צוהערער. און דער אלטער עמיגראנטען-עולם באדט זיך ממש אין זכרונות. „לאנדאלט" איז געווען די בעליבטסטע קאפע אין דער עמיגראנטען-קאלאניע, וועלכע האט אויך זעלבסטפערשטענדליך געדינט אלס טרעף-פונקט, קלוב, לייענזאל, שטודיר- און ארבייטס-צימער פאר דעם עולם עמיגראנטען. און יעדער ווינקעלע רעדט דא צו זיי, צו דער שארית הפליטה פון דער אמאליגער עמיגראציע, און דערציילט וועגען קורצע נישט לאנג פערגאנגענע אינטערעסאנטע, ברויזענדע און גלאררייכע (רוהמפולע) עבר. דא איז געזעסען אנאטאל לונאטשארסקי, און געשפילט א שאך-פארטיע מיט וועמען עס פלעגט זיך נאר מאכען. דארט פלעגט זיצען מארטאוו און שרייבען לייט-ארטיקלען פאר דער „ראבאטשעיע דיעלא". אין יענעם ווינקעל פלעגט זיצען ביחידות לענין און רעדאקטירען די צוגעשיקטע ארטיקלען פאר דער „איסקרא", אין אנדערען פלעגט פערברענגען דער אלטער „אריסטאקראטישער" פלעכאנאוו אין דער געזעלשאפט פון די ביידע שוועסטער אקסעלראד א.א.וו. זכרונות אהן א סוף און אהן אנהייב. די צייט חוקט. דער עולם קאפע-בעזוכער גיעהט זיך בייסלעכווייז פונאנדער: די קעלנער הייבען אויף און שטעלען צוזאמען די ליידיג געווארענע שטוהלען און דער עולם איז איינגעטונקען בראשו ורובו אין דעם אנגענעהמען זיסען זכרונות-וועלטעל, פון וועלכען עס איז זעהר שווער זיך אפצורייסען.

— „מעסיע — דאם — אן פערם" („מיינע דאמען און הערען — מיר שליסען") — הערט זיך די שטארקע באסאווע שטימע פון אויבער-קעלנער, און וויל'ענדיג-נישט-וויל'ענדיג פערלאזט דער עולם דעם היסטאריש-געווארענעם קאפע.

דר. א. פארעקי

לאדז, 8 אויגוסט 1930

נײער פאלקסבלאט

לאדז, 8 אויגוסט 1930

אונזער גהעטא

(א ליד אין יו־דישער פראזע)

פון — לעא קעניג

דא אנומלטען בין איך דורכגעגאנגען א וועסט־מינסטער טאָריסטען־ביורא.

איך וואלט דעם ביורא אפשר פערביי־געגאנגען און נישט בעמערקט, ווען ביי זיין טיר וואלט נישט געשטאַנען א שווארצע ברעט מיט ווייסען קרייד בעשריבען. און ווען אין ווארט, איין נאמען וואלט נישט ווי א מאגנעט דערשראקענעם געשריי געטאן צו מיר.

דאס ווארט איז געווען: די גהעטא.

אויף דעם ברעט זענען געווען אויפגעשריבען די אלע אינטערעסאנטע היסטארישע און נייע פלעצער וואס טוריסטען דארפען זעהן אין לאנדאן.

דער וועסטמינסטער־קאטעדראל; סט. פאול; דער פארלאמענט; טהי טאוער אף לאנדאן; און צווישען אנדערע נאך אינטערעסאנטע פלעצער איז אויך געווען — די גהעטא.

און איך מוז זיך מודה זיין: איך האב זיך דער־שראקען ווען איך האב עס דערזעהן. די גהעטא.

עפעס האט עס צו מיר א געשריי און א קרעכץ געטאן צוזאמען. די גהעטא. עפעס האט עס געקלונגען ווי א וואלדער חידוש. ווי א אלטער פערגעסענער חלום.

די גהעטא.

און איך האב א טראכט געטאן:

וואס איז דא אין לאנדאן א יודישע גהעטא? וואס איז דא אין לאנדאן א גהעטא און איך א יוד, א יודישער נאציאנאליסט האב נישט געוואוסט דער פון אפילו.

און איך בין געווען גרייט זיך אליין צו מוסר'ן: שרייבסט און רעדסט וועגען יודישע ענינים, וועגען יודישע לעבען און דו ווייסט גאר נישט וואס ס'טוט זיך דא. און דו ווייסט גאר נישט אז ס'איז דא אין לאנדאן א יודישע גהעטא.

געה, לויף גיך און גיב א קוק אויף דער גהעטא!

אבער די ערשטע איבערראשונג איז באלד אריבער און דער גאנצער ענין האט זיך מיר גענומען אויסלייטערען:

א נארישקייט. גהעטא.. ס'איז נישטא אזא זאך אין לאנדאן, אינ'ם פרייען ענגלאנד... און אין אונ־זער צייט, ווען מען בויט א יודיש לאנד, ווען מען רעדט און מען שאפט יודישע קולטור... א נאריש־קייט, גהעטא גאר... גארנישט: די אייגענטימער פונ'ם טאָריסטען־ביורא זענען מסתמא גוטע בעזנעס־לייט און ווייסען, אז גהעטא איז צוציהענדע, ווי וויטשעפעל. גהעטא קלינגט פאנטאסטיש, ראמאנטיש, מיטעלאלטער־ליך... און וויטשעפעל — אזוי פראזאיש!

דאס מיינען זיי מיט דעם ווארט גהעטא. מסתמא — וויטשעפעל... וואס דען? גוטע בזנעס־לייט קענען רעקלאמירען זייערע סחורות... און אפשר איז עס גאר א יודישער איינפאל? אפשר איז איינער פון דער טאָריסטען־קאמפאניע א יוד? אבער ס'איז נישטא קיין גהעטא אין היינטיגע צייטען... און גאר אינ'ם פרייען ענגלאנד. מיט דעם פאנטאסטישען נאמען מיינען זיי נאר וויטשעפעל.. אומזיסט האסטו זיך איבערגעשראקען:

אזוי האב איך זיך בערוהיגט, שפאצירענדיג מיי־טער אין דער וועסטענד. אבער איך האב זיך אליין נישט געקאנט בערוהיגען. דאס ווארט האט וועה געטאן... עס האט געשטאכען... אבער א חוצפה איז עס פונ־דעסטוועגען... איך האב געוואוסט, אז ס'איז גארנישט, אז ס'איז גלאט א רעקלאמע טריק. אבער ס'האט אליין וועה געטאן. עפעס ווי מען וואלט אויף מיר אליין א בלבול געמאכט. אויף קאטאוועס טאקע, אבער דאך א בלבול: וואס, הייסט עס בין איך אויך לויט זייער מיינונג א יוד פון דער גהעטא? א יוד וואס לעבט מיט דער גהעטא־ארבייט פאר דער גהעטא. און נישט גאר איך, נאך אלע היינטיגע יודען, וואס ארבייטען און חלומ'ען פאר וויטשעפעל — פאר אלע וויטשעפעלס — איך גהעטא־יודען?

קען מען עס אפילו זאגען אויף א פרץ, א שלום עליכם, א ביאליק...

גהעטא־יודען... וואס זענען מיר — און דער עיקר אפילו די, אונזערע בעסטע — איך גהעטא־יודען, אז מען מיל צוליב וועלכע ס'איז טעמים. וואס זענען מיר נישט קיין פרייע מענשען גלייך מיט אלע? זענען מיר נישט בירגער פון דער גרויסער וועלט? שטעהען מיר נישט אין אוואנגארד פון אידעען און בעוועגונגען?

ווי זאגט מען אפילו צוליב רעקלאמע ס'בזיון א לעבעדיגע נאס מיט לעבעדיגע קולטורעלע און וועלטליכע אינסטיטוציעס און לעבעדיגע שטאלצע יודען, וועלכע קענען געהן וואוהין און ווען זיי ווילען אריס אין דער גרויסער פרייער וועלט — ווי וואגט מען אזא גאס אנרופען גהעטא און גהעטא יודען?

און עס האט נאך אליין וועה געטון, ווי א טיפע נפש־געמיינטע בעליידיגונג.

אבער א יוד, האט עמיצער געזאגט, קען זיך בעליידיגען און גיך איבערבעטען.

א יוד איז צו שטאלץ און צו הכנעה'דיג צו דער זעלבער צייט.

הכל לפי המבייש והמתבייש.

און איך האב זיך באלד איבערגעבעטען מיט דער גהעטא. אונטערגעגעבען זיך.

און אזוי איבערגעבעטען זיך מיט דער בעליידי־גונג, אז איך בין אליין אויף זיך אליין אנגעפאלען פאר וואס איך האב זיך פריהער בעליידיגט.

שא, וואס האסטו זיך אזוי דערשראקען, ווען דו האסט דערזעהן דאס ווארט גהעטא? וואס האסטו דיך אזוי בעליידיגט, וואס האסטו דיך אזוי אנגעצונדען? האסט דיך אמאל נישט בעליידיגט פאר דעם אונ־שולדיגען ווארט, ווייל עס שטעקט אין דעם א שטיק אמת?

„אויפ'ן גנב ברענט דאס היטעל", און א יוד ווען מאדערן ער זאל נישט זיין, דערשרעקט ער זיך, ווען ער דערזעהט, צי דערהערט דאס ווארט גהעטא.

האר נאר, גוטער ברודער, האסט זיך אזוי בע־ליידיגט ווייל ס'איז דא אין דעם ווארט א שטיק אמת. א שטיק נאר? ניין, ס'איז טאקע אמת אין גאנצען!! וואס, לעבסט אפשר נישט אין דער יודישער גהעטא און פאר דער יודישער גהעטא?

וואס, דו קוקסט דערויף וואס די מיטעלאלטער־ליכע גהעטא־מויערען זענען שוין נישטא אין דייז גאס און אזוי אלע לויפט העגדום־פעגדום פון וויטשעפעל און בלייבט פונדעסטוועגען שטעהען דארט...

נארישקייטען: די אלטע שטיינערנע מויערען דינ־לען טאקע נישט ארום אייער גאס, אייער יודיש לעבען, אבער דערפאר — און דאס איז נאך ערגער — טראגט איהר זיי די גהעטא־מויערען אין הארצען...

יעדער יוד — ווי מאדערן און אסימילירט ער זאל אפילו נישט זיין — טראגט נאך אלץ די יודישע גהעטא אין הארצען.

וואס זשע האסטו זיך דערשראקען און בעליידיגט, ווען עמיצער רופט אן וויטשעפעל גהעטא? איז עס נישט אמת? אינגאנצען אמת?

עפען אויף די אויגען און זעה: איין טריט פאר איס גייט איהר, און צעהן צוריק. איהר רעדט פון פערשידענע פרייהייטען — נאציאנאלע און מענשליכע — און איהר וואלגערט זיך נאך אלץ אין די פינסטערסטע בלאטעס פון גלות.

פרייע מענשען זענט איהר? געה זיך דורך אין די יודישע גאסען — גהעטא בלייבט — און זעה די דערשראקענע און קלוגעטשקע יודישע אויגען. כדי זיך צו צו די עכטע גהעטא־שטרות'ן דארט אונזהע־טא־לויזות... צו די היסטארישע גאלות און דורכגע וואס איהר האט דארט אלע וואך און אלע טאג... און צו דעם אייביגען קלוגען יודישען, אימפעטנדיגען האנדעל־וואנדעל... וואס זשע האסטו גהעטא יוד זיך אזוי בעליידיגט, ווען דו האסט דערזעהן, דאס ווארט גהעטא?

זענען זיי נישט גערעכט?

ווען איך בין ארויף אויפ'ן טראמוואי, איז שוין געווען פארנאכטליך, פאר זון אונטערגאנג. מען האט עס מעהר דערקענט פון דעם פערקעהר און גאס. די זון איז געווען אויף אלע צוריקקערנדע מיט אונטער די דעכער און טורעמס פון דער גרויסער וועלט־שטאט.

און פארגעגנ'ג אהיים אויפ'ן טראמוואי האב איך דאכט זיך געהערט ווי די מויערען פון דער גהעטא פערמאכען זיך...

א קלאנג פון שווערע פערזשאווערטע ריגלען און קייטען...

לאנדאן, „צייט".

דעם בעש"ט גרעזל'עד

(פון אונאויסשעפליכען קוואל)

פון ה. צייטלין

פאר כמה יובל'ן צוריק, האט משה יאסקעס געהאלטען און ארענדירט די קרעטשמע אין דארף לאסעוויץ פינף מייל פון מעזשביזש. געווען איז ער א רויכגעוואקסענער מיט זעהר ברייטע פלייצעס, אנאמתדיגער בעל גוף, ווי להבדיל א גוי. פרנסה דעם ווייב און קינדער פלעגט ער געבען א ביסעל פון דער קרעטשמע און פ'רוב פון צוהאנדלען מיט בהמות.

פלעגען צו קומען די קצבים אין דארף אריין זוכען א בהמה אויף שבת פלעגט מען שוין תמיד קענען משה יאסקעס, כאטש בטבע איז ער געווען טעהר א הארבער און ס'איז אנגעקומען מיט כריין בית מ'האט זיך ביי איהם דערקויפט, נאר צוליב זיין ווארט, וואס מ'האט גענומען דערויף שטעלען א בנין, האט מען מיט איהם געהאנדעלט.

נישט תמיד אבער זענען געווען די זעלבע צייטען.

קצבים־יונגען האבען אליין אנגעהויבען זיך דרייען צווישען די פויערים, און ממילא משה־יאסקעס געמאכט אויס סוחר, און ווי נאר משה־יאסקעס האט שוין געהאט פערקויפט א קעלבעל האבען די קצבים־יונגען נישט מעהר געטאן ווי איינגעווארפען א פינפער מעהר, ווי עס איז געווען פאראויסצוזעהן האט געבען משה־יאסקעס גענומען בעם מסחר א־וועקלייגען, ווייל וואו קען זיך אויסגלייכען מיט קצבים־יונגען? משה־יאסקעס וועלכער איז געווען א שטר־קעל „קענער" פון ווירקשאפט פלעגט רעמאלט שרייען: פון עמלק'ס שותפים מוז איך אנטלויפען ווי כאר פייער.

דערווייל איז די פרנסה געווארען געשלאגען: קיין ע"ה א שטוב מיט קינדער, און מ'דארף דאך דאס אלעס אנהאלטען, פלעגט ער יעדער נאכט זי־צען מיט זיין ווייב יענטען שעה'ן לאנג ביז אין דער האלבער נאכט אריין און קלעהרען עצות ווי מ'קען עס צו צאהלען די ראטעס,

דער פריץ ברענט ווי א העליש פייער, וואס מ'פערשפעט יעדעס מאל דעם טערמין, יעדען טאג וואקסט צו וואס מעהר צו צאהלען, און משה־יאסקעס מיט יענטען ווערען יעדען טאג גרויער, די מוחות ווערען איינגעטריקענט פאר צרות.

והנה, און ס'איז געווען און איינע פון די בי־טערע נעכט, ווען משה־יאסקעס מיט זיין ווייב פלעג־גען זיצען און קלעהרען עצות, ווי אזוי צו פטר'ן זיך און ניצול ווערען פונ'ם פריצ'ס הענד, האט השי"ת איהר אריינגעגעבען א מחשבה טובה, זי זאל הייסען פאהרען איהר מאן צום בעש"ט הקדוש וואס איז דעמאלט געווען אין מעזשביזש פון וועלכען משה־יאסקעס האט אויך געהאט געהערט.

משה יאסקעס ווייטער האט געשטעט פאר אנ־עקשן און גאנצען דארף און האט זיך — ווי דער שטיינער איז פון אנ'עקשן — אויך איצט איינגע־שפארט און נישט געוואלט פאהרען:

— נאריר ווייבערישע עצות צום טיש, וואס קען מיר דער רבי העלפען? איך בין עפעס א לערן־קינד וואס דו שיקסט מיך צו רביים?!

יענטע האט אבער איהם נישט נאכגעלאזט, און יעדען טאג איהם מעהר דערקוטשעט ביז זי האט בעפועלט, און ער לאזט זיך אין וועג אריין.

געגומען בסבר פנים יפות און געהייסען איהם זיצען. דער בעש"ט הקדוש האט משה'ן איין אויפ־

— נו, וואס בעדארפסטו האבען? — האט דער בעש"ט געפרעגט.

משה יאסקעס האט געענטפערט אזוי ווי זיין יענטע האט איהם אויסגעשטעלט:

— הייליגער צדיק! כ'בין אויף גרויסע צרות, מיט פיצלעך קינדער, כ'בעדארף האבען געלד צו צאהלען דעם פריץ, טאמער נישט רבי, איז מיין לע־בען נישט ווערט קיין פרוטה'על כן בעט איך פון אייך אן עצה...

די אלע טענות זענען ביי איהם געווען איבערגע...

זיין פויערישער שכל האט דאס נישט בעגרייפט. ער האט נאר געוואוסט יוצא צו זיין פאר יענטען. זי זאל איהם לאזען געמאך.

דער בעל שם טוב האט זיך אביסעל פערטראכט און דערנאך געזאגט:

— פאהר אהיים, און מארגען זאלסטו ארום געהן האנדלען אין דארף, און טאמער וועסטו עפעס טרעפען, אפילו אין גאס, זאלסטו אויך קויפען, מעג זיין וואס ס'איז, זאלסטו נישט אוועקלאזען... גע־רענקדישע, וואס כ'זאג דיר: ס'איז נישט קיין נפקא מינא וואס, אלעס זאלסטו קויפען.

משה איז אהיימגעפאהרען און זיין פיטער הארץ אויסגעלאזט צו יענטען:

— וואס ווילסטו פון מיר מיט רביים?! איז דאס פאר מיר קאפ?!

יענטע האט אבער געוואלט וויסען, וואס דער רבי האט געזאגט, און ווי נאר זי האט געהערט די ווערטער, האט זי תיכף געגלויבט מיט'ן גאנצען הארצן, אז השי"ת וועט איהר שיקען די ישועה.

דעם אנדערען טאג האט זי איהם ארויסגעטרי־בען פון דער שטוב ער זאל שוין עפעס געהן האנדלען.

פאותה שעה איז דער בעל־שם טוב צוגעגאנגען צו א קעסטעל, אנגעקליבען פערשידענע גרעזלעך, אייגעבונדען זיי אין א טיכעל און געהייסען דער־מיט זיין פורמאן אלעקסי פאהרען קיין לאסעוויץ און אנגעזאגט:

עס וועט דיך דארט בעגעגענען אין דארף א יוד און וועט דיך פרעגען וואס דו האסט צו פערקויפען, זאלסטו דאס איהם ווייזען און פער־קויפען. דעם פרייז וועסטו שוין אליין וויפיל צו נעהמען.

נישט ווייט פון דער קרעטשמע איז משה־יאס־קעס געשטאנען מיט ווינע לעצטע פאר גראשען און נישט געוואוסט, וואס צו טון און וואו צו געהן.

פלוצלונג פאהרט אן א וואגען מיט א פויער און רופט איהם צו:

— יוד! קום נאר אהער. אפשר ווילסטו עפעס קויפען?

משה יאסקעס איז צו צום וואגען.

דער פויער האט ארויסגענומען דאס טיכעל מיט די גרעזלעך און געוויזען:

— מעגסט עס קויפען! די זשליעס זענען גוט צו וואס מ'דארף. גיב דערפאר א האלבען רובל!

דעם ארענדאר האט דער שוויים בעגאסען. ער איז געשטאנען ווי א שיכור, און האט נישט לאנג געקלערט און דאס צוגענומען.

— נו, האסט שוין אלעס, נאריר די מציאה, וואס כ'האב דיר איינגעהאנדעלט, וואלט נישט געווען גלייכער, פאר דעם האלבען רובעל זאל איך געווען קויפען ברויט פאר די קינדער?!

יענטע האט איהם אבער געטרייסט:

— ווארט און קוק צו דאס גרייטע, וועסט זעהן אז מיר וועלען געהאלפען ווערען... מ'דארף נאר גלויבען! איצט מוזטו ווייטער פאהרען און פרעגען דעם רבי'ן, וואס דו זאלסט ווייטער טון.

משה האט געזעהן פאין ברירה, און זי העט זיך פון איהם נישט אפגעשעפט און איז ווידער געפאהרען.

דער בעש"ט הקדוש האט ווייטער געהייסען:

— ביי דיין פריץ וועט קראנק ווערען די בת־יחידה און מ'וועט בעדארפען א רפואה, זאלסטו אפ־טראגען די גרעזלעך און הייסען דאס אפקאכען און אויסטרינקען.

3

א צדיק איז גוזר, און הקב"ה איז מקיים.

ס'האט נישט לאנג געדויערט און ביים פריץ איז קראנק געווארען די טאכטער און מ'האט וועלטען אייג געלייגט.

וואו נאר ס'איז געווען א גרויסער דאקטאר האט מען איהם געבראכט, אבער אלע גרעסטע פ־אר־פעסארען האבען זיך אויסגעגעבען.

און דער לאסעוויצער קרעטשמע איז געווא־רען א שמחה און א לשער.

— זעהסט דאך, עס איז אלעס מקוים געווארען, פונקט ווי דער צדיק האט געזאגט, און דו גלויבסט נאך נישט? — אזוי האט געטענה'ט יענטע צו איהר מאן משה־יאסקעס.

— בהמה! — האט ער געשריגען — ס'וועט דאך מיך תיכף הרגענען דארטען אויפ'ן ארט... עס שטייען אזויגע גרויסע דאקטוירים וועל איך קומען מיט די גרעזלעך!... דארט, וואו עס איז נישט פער־האן קיין רעצעפט פון דער וועלט ס'זאל פעהלען.. מיין שווארצער סוף וועט דאך תיכף זיין!

ס'האט אבער נישט גערא־פען זיין שרייען.

יענטע האט זיך געווארפען פאר זיינע פיס, און האט יאמערליך געקלאגט און געוויינט, אז ס'האט געקאנט ריהרען אפילו א שטיין. ביז וואגען משה האט געכאפט דאס טיכעל מיט די גרעזלעך און איז ארויס אויף דער גאס, און ווייל יענטע איז נאכגעגאנגען ביזן וואגען, ער געהט, האט ער טאקע גענומען זיך פון איהם נישט אפגעשעפט און איז ווידער...

נישט וויסענדיג וואוהין און היראוי האט משה דערלאנגט דעם דאקטער די גרעזלעך און געזאגט, ער זאל דאס תיכף אפקאכען און געבען עס אויס־טרינקען דעם פריץ'ס טאכטער, פון דעם וואסער וועט זי געזונד ווערען,

או דער משרת האט איבערגעגעבען דעם יוד מיט די גרעזלעך האט ער פערשטאנען אז דא געהט דער יוד נקמה נעהמען פון זיין פריץ, און וויל פון איהם שפעטען.

האט ער איהם תיכף אריינגעווארפען אין תפיסה און געלאפען דערצעהלען דעם פריץ די חוצפה פון דעם יוד.

ווי דער פריץ קראגט דערהערט די מעשה האט ער געהייסען אונטערזוכען די גרעזלעך און אז וויזוי די דאקטוירים האבען ערקלערט אז קיין סם איז דאס נישט האט ער ביי זיך געטראכט און געזאגט: „איז דען דער יוד אזא נאר, זיך צו וואגען פתם צו קר־מען צו מיר און נישט וויסען וואס?... הייסט ער דען נישט וואס זיין סוף קען זיין. רופט איהם נאר צו מיר! איך וויל מיט איהם אליין שמועסען.

א האלב טויטער איז משה געשטאנען פאר זיין פריץ:

— איך ווייס גארנישט.. נאר אזוי האט מען מיר געהייסען...

און איין צאן האט איהם געקלאפט און אנגרער. פאר שרעק האט ער מעהר נישט געקענט א־רויסרעדען קיין ווארט.

— מיר וועלען פרובען! — האט דער פריץ געזאגט, האט געהייסען די גרעזלעך אפקאכען, און אליין געגעבען דער קראנקער צו טרינקען.

ווי נאר די טאכטער האט אויסגעטרינקען דאס ערשטע גלעזעל, האט זי געעפענט די אויגען, און האט פערלאנגט נאך איינס, און ס'האט איהר צוגע־גערויבען בעסער צו ווערען.

עס איז געווארען א גרויסע שמחה.

דער פריץ האט געהייסען בעפרייען דעם יוד, און אליין איהם אקעגעגלאפען.

עה געשריגען — ס'וועט דיר גארנישט געשעהן!

— האב נישט קיין מורא מאשקו! — האסט אפגעראטעוועט מיין טאכטער!... איך וועל דיך רייך מאכען! אויף אייביגע יאהרען שענק איך דיר מיין קרעטשמע, נאר ד' צמוזט מיר אלץ דער־צעהלען, וואו האסטו גענומען די גרעזלעך?

משה יאסקעס איז פאוואלע צו זיך געקומען, און האט דערצעהלט די גאנצע מעשה פון א' ביז ת'.

מיט א סך מתנות פון געלד און זילבער איז משה יאסקעס אהיימגעגאנגען צו זיין ווייב און קינדער.

גאטס נאמען איז געווארען געהייליגט, און ביי משה־יאסקעס איז שטוב איז געווארען ליכטיג.

גענגען „נישט-גוטע"... / פון וואנען שטאמט דער מנהג ביי יודען צו לייגען זעקלעך ארץ-ישראל-ערד אין קברים

פון ד"ר ז. קאדיש

עס איז א נגאלטער מנהג ביי יודען צו לייגען אין קברים זעקלעך ארץ־ישראלדיגען זאמד, וואס איז דאס פאר א מנהג? פון וואנען שטאמט ער און וואס האט ער לכתחילה בעדייט?

די סקארבאווע ערקלערונג פאר דעם איז, אז אז מ'לייגט אריין ארץ־ישראלדיגע ערד אין קבר אדער מ'שיט עס ארויף אויפ'ן מת גופא, כדי עס זאל איהם פערדעכענט ווערען ווי מען וואלט איהם מקבר געווען אין ארץ־ישראל. וואריום ס'איז א גרויסער זכות, לויט דעם יודישען גלויבען, צו ליגען נאכ'ן טויט אין ארץ־ישראל. דער, וואס זיין קבר איז אין ארץ־ישראל איז אזוי ווי ער וואלט זיין בעגראבען אונטער'ן מזבח, אפילו אזעלכע רשעים ווי ירבעם בן נבט און זיינע חברים וועלען צוריק לעבעדיג ווערען אין משיח'ס צייטען און וועלען גראטעוועט ווערען פון גיהנום בלויז צוליב דעם זכות וואס זייערע קברים זענען אין ארץ־ישראל.

אט אזוי, מיט אזעלכע ווערטער דריקען זיך אויס די דרשנים פון דער אגדתא פון תלמוד און מדרש, און מיט דעם ערקלערט מען געווענליך דעם יודישען מנהג צו לייגען אדער צו שיטען ארץ־ישראל־ערד אין קברים, אבער די דאזיגע ערקלערונג איז באמת גאר קיין ערקלערונג נישט, נאר א שפעטערדיגע אויסטייטשונג פון אן אלטען מנהג, וואס דער זין זיינער וואס ער האט לכתחילה געהאט איז אין פערלויף פון דער צייט פערגעסען געווארען.

ס'איז באמת שווער צו געפינען אן אינערליכע פערבינדונג צווישען דעם ארץ־ישראל־זאמד וואס מ'שיט אין א קבר, און דעם געדאנק פון קבורה אין ארץ־ישראל. נאך שווערער איז צו ערקלערען דעם מנהג פון די שערבלעך. וואס מ'לייגט אויף די אויגען פון דעם מת. די געוועהנליכע אויסטייטשונג דערפון איז, אז מ'טוט עס, ווייל די אויגען זענען די פערמיטלונג פון אלע עבירות. וואס פאר א זין האט עס אבער צו נעהמען נקמה פון א מת, און ארויפלייגען שערבלעך אויף די אויגען זיינע, מיט וועלכע ער האט געזינדיגט בשעת ער האט געלעבט?

מיט די שערבלעך איז אלזא נאך ווייניגער גלאטיג ווי מיט דער ארץ־ישראל־ערד. דאך אבער איז פארט נאך דא עפעס א שטיקעל ערקלערונג, א שטיקעל אויסטייטשונג פאר דעם, דערפאר אבער איז אינגאנצען אומערקלערליך דער מנהג אריינצולעגען גאפעלעך אין די הענד פון דעם מת. פאר דעם דאזיגען מנהג האט מען נישט געוואוסט צוצוטראכטען קיין שום ערקלערונג.

ווען מיר ווילען וויסען פון וואנען עס שטאמען אט די מערקווירדיגע מנהגים פון קבורה ביי יודען, מוזען מיר זיי באהאנדלען אלע צוזאמען, נישט איינצעלווייז, דא האנדעלט זיך נישט וועגען בעזונדערע מנהגים, נאר ס'איז דא אן אינערליכער נאהענטער צוזאמענהאנג צווישען דעם ארץ־ישראל־זאמד, די שערבלעך און די גאפעלעך, און אנהויבען מוזען מיר, פערשטעהט זיך, פון די גאפעלעך, ווי באלד מ'לייגט אריין גאפעלעך אדער לעפעלעך דעם מת אין די הענד, האט דאס, קען יעדער זעהן, עפעס צו טון מיט כלים צום עסען, דערפון איז שוין לייכט צו פערשטעהן אז די שערבלעך זענען לכתחילה נישט געווען קיין שערבלעך נאר שאלכעלעך אדער טעלעלעך. ממילא קען מען שוין דערפון ארויסדרינגען אז די ארץ־ישראל'דיגע ערד איז אויך לכתחילה געווען גאר עפעס אנדערש, וואס אויב דאס איז נכון, וועלען מיר באלד זעהען.

* * *

צוערשט א פאר ווערטער וועגען מנהגים און די סקארבאווע ערקלערונגען, וואס מ'גיט וועגען זיי.

עס איז א כלל, אז דער מנהג די צערעמאניע איז שטענדיג עלטער ווי די ערקלערונג. ווי די לעגענדע, וואס מ'דערצעהלט וועגען דעם, צוערשט איז געווען די צערעמאניע, די פייערונג, און זי איז געווען א זעלבסטפערשטענדליכע זאך. שפעטער אבער, אין א פערלויף פון א גאנץ לאנגער צייט זענען אויפגעקומען נייע השגות, און די אלטע צערעמאניע איז געווארען אומפערשטענדליך. אבער צערעמאניעס און מנהגים געהען נישט אונטער צוליב דעם, וואס זיי ווערען פערעלטערט אדער אפגעלעבט. מ'גיט זיי א נייע אויסטייטשונג, מ'פערבינדט זיי מיט דער און יענער לעגענדע פון די אלטע צייטען, און זיי עקזיסטירען ווייטער.

דאס איז דער כלל כמעט מיט אלע מנהגים, צערעמאניעס און יום־טובים פון א.ע. פעלקער, יודען אריינגערעכנט. ווען מיר ווילען אויספארשען פון וואנען עס שטאמט דער און יענער מנהג, מוזען מיר זיך דערפאר גארנישט רעכענען מיט די כוונות, וואס מ'האט שפעטער אין איהם אריינגעטייטשט. ווי אלט די שפעטערדיגע כוונה די שפעטערדיגע אויסטייטשונג זאל נישט זיין, איז אלץ דער מנהג גופא א סך עלטער.

ווי אלט עס איז די פריהער דערמאהנטע אויסטייטשונג פון דעם מנהג צו לייגען ארץ־ישראלדיגע ערד אין די קברים, ווייס איך נישט. דער מנהג גופא איז אבער טויזענדער יאהרען עלטער, מיר דוכט, אז די ריכטיגע ערקלערונג פאר איהם האבען אונז געגעבען די קברים, וואס מ'האט אויסגעגראבען אין די חורבות פון גזר, די אמאליגע כנענ'יש שטאט וועלכע פרעה האט איינגענומען און אוועקגעגעבען אלס נדן צו שלמה'ן (מלכים א, ט, 16).

די דאזיגע אויסגראבונגען אין די פערשאטענע חורבות פון גזר (אויפ'ן וועג צווישען יפו און ירושלים), ווייזען אונז, אז יודען האבען שוין געלייגט זאמד אין די קברים ווען זיי זענען נאך געווען אין ארץ־ישראל, און אז לאנג נאך פאר זיי האבען די כנענים שוין פראקטיצירט דעם דאזיגען מנהג, מען האט אלזא לכתחילה געלייגט אין די קברים נישט ארץ־ישראלדיגע ערד, נאר פיינע, ווייסע זאמד בכלל.

* * *

דער [illegible] ענגלישער ארכעאלאג פראפ־[illegible], וועלכער האט אויסגעגראבען גזר, האט דארטען געפונען אונטער די ווענד און די ווינקלען פון די הייזער און אונטער די שוועלען, קערפערס פון קינדער, וואס מ'האט דארטען מקבר געווען. די קערפערס ליגען אין גרויסע לייטענע קריגע, און דערביי ליגען צוויי, דריי קלענערע קריגעלעך, א שיסעל און א שעלכעל, אלץ און איינגעהילט אין א פיינעם זאמד. די דאזיגע כלים זענען די [illegible] פון דעם בר־מנן; אט דא אין דעם קבר זיינעם. אין איין ארט זענען די כלים זילבערנע, אין אלע אנדערע ערטער אבער זענען זיי ליימענע.

דער פיינער זאמד, אין וועלכער די כלים זענען איינגעהילט, איז אנגעוואנדט, א „במקום" פאר מעהל. לכתחילה האט מען, הייסט עס, אריינגעלייגט אין קבר אמת'ע מעהל, שפעטער אבער איז מען געווארען קלוגער און קארגער. און מ'האט אנשטאט מעהל מיטגעלייגט מיט דעם מת פיינעם זאמד, דאס וואס זעהט בלויז אויס ווי מעהל, די [illegible] זאך האבען אויך געטון די אמאליגע עגיפטער, אויך זיי האבען אין זייער נאיווער פרומקייט און קמצנות מיטגעגעבען די מתים אין קבר אלערליי זאכען, וועלכע האבען כלומרשט געגעבען אן אנצוהערעניש אויף שפייז און כלים.

מ'דארף אלזא אננעהמען, אז פונקט ווי מ'האט שפעטער אנגעהויבען לייגען אין קבר פיינעם זאמד אנשטאט מעהל אזוי האט מען אויך אנגעהויבען לייגען צוברעכענע שערבלעך אנשטאט גאנצע כלים וואריום אויב ס'איז גענוג פאר דעם טויטען אן אנצוהערעניש אויף שפייז איז דאך זיכער גענוג פאר איהם אן אנצוהערעניש אויף כלים.

אזוי ארום איז אויפגעקומען דער מנהג ביי די אמאליגע יודען מיטצוגעבען דעם מת אין קבר פיינעם זאמד, שערבלעך און אויך דינע שטיקעלעך האלץ, אן אנצוהערעניש אויף לעפלען.

עס זעהט אויס, אז דער מנהג פון לייגען ארץ־ישראל־ערד אין די קברים האט דורכגעמאכט דריי שטופען. צוערשט פלעגט מען לייגען אמת'ע מעהל; שפעטער האט מען אנשטאט מעהל אנגעהויבען אריינלייגען זאמד, נאך שפעטער איז אינגאנצען פערגעסען געווארען דער זין פון דעם דאזיגען מנהג, און פון דעם „במקום" פאר מעהל איז געווארען ארץ־ישראל־ערד מיט א נייער בעדייטונג פון קבורה אין ארץ־ישראל.

* * *

ווען מיר וואלטען געהאט בלויז די אויסגראבונגען פון גזר, וואלטען מיר שוין געווען פארטיג מיט דעם גאנצען ענין. מיר וואלטען דאן אננעהמען, אז די גאנצע זאך שטאמט פון א פרימיטיווען מנהג מיטצוגעבען דעם מת שפייז און כלים אין קבר, כדי ער זאל דארטען האבען צו געניסען, וואס ער האט געדארפט אין זיין לעבען. ביי די אמאליגע עגיפטער איז טאקע דאס געווען דער פאל. אבער יודען האבען נישט געגלויבט אין די אורא'לטע צייטען אין א צווייטען לעבען נאכ'ן טויט, אזוי ווי די עגיפטער עס לייגט זיך דעריבער אויפ'ן שכל נישט, אז ס'האט זיך ביי די אמאליגע יודען, אדער ביי די כנענים, געהאנדעלט וועגען מיטגעבען אין קבר שפייז טאקע פאר'ן מת גופא אמת טאקע. אז ס'שטעהט בפירוש אין חומש וועגען געבען שפייז צו טויטע („ולא נתתי ממנו למת", דברים כ"ו, 14). עס קען אבער גרייליך זיין, אז דא רעדט זיך נישט וועגען שפייז פאר דעם טויטען גופא, נאר אין די אינטערעסען זיינע, און אין די אינטערעסען פון דעם מת איז געווען צו פערטרייבען פון איהם די בייזע רוחות.

וואריום עס איז א בעקאנטע זאך, אז די אלטע יודישע מנהגים פון קבורה האבען, פונקט ווי ביי אלע אנדערע פערצייטיגע פעלקער, געהאט איין צוועק: צו פערהיטען, אז בייזע רוחות, נישט־גוטע, זאלען נישט אריינדרינגען אין דעם טויטען קערפער און אויך צו פערהיטען, אז דער רוח פון דעם מת גופא זאל זיך נישט ארומטרייבען און שטערען די לעבעדיגע. איינער פון די אויסגעפרובירטע מיטלען און סגולות געגען נישט־גוטע איז געווען זיי צו ברענגען א קרבן, א מתנה, איז דערפאר קיין וואונדער נישט, וואס מען האט געלייגט שפייז אין די קברים. דרך אגב, איז דאס טאקע אויך דער גרונט, פארוואס די שמשים עסען בייגעל אויפ'ן בית־עולם, לעבען קבר. ווארים א קיילעכדיגע זאך, א בייגעל, א רינג, איז א מיטעל געגען די נישט־גוטע.

דאס ערקלערט אויך פארוואס מען לייגט שערבלעך דעם מת אויף די אויגען. דאס האט מען לכתחילה געלייגט קיילעכדיגע שיסעלעך, און אויף די אויגען האט מען זיי געלייגט, ווייל די אויגען זענען עפענונגען, דורך וועלכע די בייזע רוחות קענען אריין אין דעם קערפער, אדער דער רוח פון דעם מת קען ארויס. עס איז דעריבער נאך ביז איצט א מנהג ביי א סך פעלקער צו פערמאכען אט די אלע עפענונגען אין דעם קערפער פון א מת, פונקט ווי די אויערען, די נאזלעכער און דאס מויל, און אזוי איז אויך געווען דער מנהג פערצייטען ביי יודען.

* * *

אז קיילעכדיגע שיסעלעך זענען געווען פערצייטען ביי יודען א סגולה געגען נישט־גוטע און אז מ'פלעגט זיי אויך לייגען אין קברים, ווייסען מיר היינט פון די אויסגראבונגען אין ניפור.

ניפור איז געווען איינע פון די עלטסטע שטעט אין דרום־באבילאניען. איהרע פערשאטענע חורבות זענען לאנג צוריק שוין אויסגעגראבען געווארען פון דער „יוניווערסיטי אוו פענסילוואניא" אין פילאדעלפיא, און צווישען אלערליי אינטערעסאנטע זאכען האט מען דארט אויך געפונען שיסעלעך בעשריבען מיט כישוף־שפרוכען אויף יודישען אראמיש. די שיסעלעך זענען אלזא יודישע, און זיי שטאמען פון אנ'ערך דעם 3טען יאהרהונדערט. די כישוף־שפרוכען זענען בעשווערונגען און אפשפרעכענונגען געגען שדים. עס זענען דארטען צוגעמישט אין א קאשע די יודישע נעמען פון ר' מאיר צוזאמען מיט די נעמען פון פערשידענע גויאישע געטער פון די אלטע צייטען.

מיר ווייסען אלזא פון די אויסגראבונגען אין ניפור, אז יודען פערצייטען האבען זיך בענוצט מיט רונדע שיסעלעך אלס כישוף־מיטעל. מיר ווייסען אויך פון די דאזיגע אויסגראבונגען, אז יודען האבען פערצייטען געלייגט אזעלכע שיסעלעך, בעשריבען מיט כישוף־שפרוכען, אויך אין קברים, ווארים מאנכע פון די בעשריבענע שיסעלעך פון ניפור האט מען געפונען אויף א בית־עולם מיט אנ'אויפשריפט „לפיה קבורתא".

לויט ווי עס דערצעהלט דער פערשטארבע־ נאך ביים היינטיגען טאג א מנהג ביי די אראבישע נער דייטשער אריענטאליסט הוגא גרעסמאן, איז [sic] פעלאכען אין ארץ־ישראל צו האלטען בלאהע טעלער איבער'ן טיר אדער אין די פיר ווינקעלער פון שטוב. די אראבער האבען דא אלזא צוגעפאסט צוויי מאטיווען אין איינעם. ווארים אי דער קיילעכדיגער טעלער גופא, אי דער בלאהער קאליר זענען סגולות געגען נישט־גוטע. בעזונדערס איז בלאה א סגולה געגען אן „עין־הרע". אט דערפון טאקע שטאמט דער בלאהער פאדים, דער „פתיל תכלת" פון די ציצית.

דער קיצור דערפון איז, אז דער פיינער זאמד און די גאפעלעך זענען זיכער אן אנצוהערעניש אויף שפייז און כלים. די שערבלעך אבער האבען מעגליך, געדינט א טאפעלטען צוועק: זיי האבען געדינט אלס כלים, און דערצו נאך האבען זיי געשטאמט פון רונדע שיסעלעך, וועלכע זענען געווען א כישוף־מיטעל געגען בייזע רוחות.

דער קריזיס אין אמעריקאנער יודישען טעאטער און זיינע סבות

אינטערוויאו מיט'ן ארטיסט הערמאן שעראדזקי

היינט פאר'ט אוועק פון לאדז קיין אמעריקע דער בעליבטער ארטיסט הערמאן שעראצקי, שעראצקי'ס פאפולאריטעט אין לאדז, האט זיך ארויסגעוויזען אויף די עטליכע אפשפילען, וואס ער האט געגעבען אין היגען יודישען טעאטער און פילהארמאניע, מיט אזא ענטוזיאזם, ווי דער גרויסער עולם האט איהם אויפגענומען, ווערט זעלטען בעגעגענט אנ'ארטיסט.

ביים געזעגענען זיך האבען מיר געהאט א שמועס מיט דעם [illegible] גאסט, וועגען אצינדיגען מצב פון יודישען טעאטער אין אמעריקע און אין פוילען. אויף א רייהע אונזערע פראגען האט הר' שעראצקי געגעבען פאלגענדע אויפקלערונגען:

עס איז אמת אז דאס יודישע טעאטער, אין אמעריקע, לעבט לעצטענס איבער א גרויסען קריזיס: עס איז אויך אמת, אז די פערגאנגענע עקאנאמישע לאגע אין אמעריקא האט פיל גורם געווען צום טעאטער־קריזיס און עס איז אויך אמת, אז דער ענגלישער טעאטער ציהט וואס ווייטער אלץ מעהר אריין דעם יודישען טעאטער־בעזוכער, וואס דערפיהרט דערצו, אז עס ווערען שיטערער די רייהען פון די בעזוכער פון יודישען טעאטער.

דאס אלץ זענען אבער נאך אלץ נישט די הויפט סבות פונ'ם קריזיס אין יודישען טעאטער. די הויפט סבה ליגט אין דער שלעכטער טאקטיק און פיהרונג פון די דירעקטארען, וועלכע שטעהען נישט אויף דער הויך פון זייערע אויפגאבען. אין יודישען טעאטער אין אמעריקא האט אויפגעהערט דער אנסאמבל שפיל און אלע פיעסען, וואס ווערען איצט דארט געשפילט, ווערען אויסגעשטעלט אויף איין אקטיאר, וועלכער דארף דאס אויסטראגען אויף זיינע פלייצעס די עקזיסטענץ פון טעאטער, דאס מאכט איז אוממעגליך. מעג דער אקטיאר זיין דער גע'ניאלסטער, וועט ער נישט בעווייזען א גאנצען סעזאן צו האלטען אין שפאנענדע אויפמערקזאמקייט דעם טעאטער־בעזוכער.

צוליב דעם דאזיגען סיסטעם, איז אויך פערשוואונדען געווארען דער פאסענדער רעפערטואר, ווייל עס איז דאך אוממעגליך צו שאפען א רייכען און פערשיעדענארטיגען רעפערטואר, וואס ווערט געבויט נאר אויף איין אקטיאר. פאר מיר זענען בעקאנט פאקטען, פון מחברים, וועלכע האבען אנגעשריבען זעהר גוטע טעאטער־שטיקע, מיט וועלכע מען [illegible] אפשר שלאגען רעקארד, נאר זיי געפונען קיין בעלנים צוליב דעם, וואס זייערע פיעסען זענען אויסגעשטעלט פאר מעהרערע גוטע אקטיארען, וועלכע זאלען שפילען אין איין שטיק.

איינער א זעהר פעהיגער דראמאטורג אין ניו־יארק האט מיר דערצעהלט אזא פאקט: ער האט אנגעשריבען א פיעסע מיט צוויי גוטע דאמען ראלען. ווען דער דירעקטאר האט איבערגעלעזען די פיעסע און דערזעהען די צוויי דאמען־ראלען, האט ער אנגעבאטען א קליינעם פרייז פאר דער פיעסע, ווייל ער דארף נאר א פיעסע מיט איין גרויסע דאמען־ראלע. אויב עס איז נאך פאראן א גרויסע דאמען־ראלע, איז פאר איהם נישט צו צאהלען א העכערען פרייז.

דאס כאראקטעריזירט די בעציהונג און די אויפפאסונג פון די, וועלכע שטעהען ביי דער אנפיהרונג פון טעאטער. איז דאך דער גאנצער גרויסער ערפאלג פון יודישען טעאטער אין די צייטען פון גאלדפאדען און יעקב גארדין, נאר געווען געשטיצט אויף פיעסען, אין וועלכע עס פלעגען שפילען עטליכע גרויסע אקטיארען צוזאמען אין איין שטיק.

גאלדפאדענס יעדע פיעסע האט דאך ראלען פאר עטליכע גוטע אקטיארען, אזוי ווי אויך גארדינס פיעסען. עס איז דאך גארנישט קיין וואונדער, וואס גארדינ'ס א פיעסע פלעגט האבען א רוישיגען ערפאלג, ווען אין איין שטיק פלעגען, למשל, אין אמעריקא שפילען אזעלכע אקטיארען ווי קעסלער, מאריס מאשקאוויטש, בלאנק, מאגולעסקא. דאס זעלבע אין פוילען פלעגען למשל אין גארדינס א פיעסע שפילען: פרוי קאמינסקא, פרוי עדעלמאן, יערמעלינא, קאמינסקי ליבערט, ווייסמאן, שעראצקי. מיט אזעלכע אקטיארען האט דאך א פיעסע געמוזט האבען ערפאלג.

איצטער אבער פערטרייבט מען דעם צושויער דורכדעם, וואס מען גיט איהם נישט קיין מעגליכקייט צו זעהן מעהרערע אקטיארען, נאר איין און איינציגע. דעריבער ליידט דער טעאטער, דאס שלאגט זיך פאטאל אפ אויף דער געשעפטליכער זייט פון טעאטער. א חוץ דעם דערפיהרט די דאזיגע טאקטיק צו דעם, אז עס ווערען פערשוואונדען פעהיגע און טאלאנטירטע אקטיארען. דאס יודישע טעאטער אין אמעריקא ליידט איצט אויך פון דער מחלה פון מאנגעל אין גוטע אקטיארען.

אין דער הינזיכט ווערט דאס יודישע טעאטער דארט איינגעשרומפען. אין די לעצטע 10 יאהר, למשל, זענען אין אמעריקע נישט אויסגעוואקסען קיין־קיין־אקטיארען מיט גרויסע טאלאנטען. דארף מען אבער נישט מיינען, אז עס זענען אזעלכע נישט פערהאן. זיי זענען פאראן, נאר מען האט זיי נישט געלאזט אויסוואקסען און אין טעאטער איז א כלל: אויב אן אקטיאר וואקסט נישט ארויף — וואקסט ער אראפ. דאס האט דערפיהרט דערצו, אז פון דריי הונדערט און 50 מיטגלידער, וואס די אקטיארען־יוניאן צעהלט, זענען קוים דא עטליכע מיט גרויסע נעמען. דער פעראיין האט גאר נישט געטון, כדי צו היטען די מאראלישע רעכט פון אקטיאר. מיט'ן דערהייבען, מיט'ן ענטוויקלען די פעהיגקייטען פון אקטיאר, ווערט אויך דערהייבען און געזיכערט די עקזיסטענץ פון טעאטער. אזוי לאנג ווי די דירעקטארען וועלען נישט איינזעהן, אז זיי מוזען ענדערען זייער טאקטיק און צוריק ארויפגעהן אויפ'ן וועג פון אנסאמבל־טעאטער, וועט דער קריזיס אין יודישען טעאטער אין אמעריקא נישט פערשווינדען.

דאס יודישע טעאטער אין פוילען האב איך אנגעטראפען אין אזא סיטואציע, אויף וועלכער איך האב זיך גאר נישט גערעכנט. אין משך פון די 10 יאהר, וואס איך בין נישט דא געווען, איז דער יודישער טעאטער געפאלען אויף א זעהר טרויעריגען מצב. אין לאדז, למשל, שפילט מען איצט טעאטער ווי מיט 25 יאהר צוריק. די לאגע פון די אקטיארען איז א פערצווייפעלטע און אלץ דערפאר, וואס עס איז נישט דא קיין געהעריגער טעאטער־בנין. דער ווייטאג איז דא נאך גרעסער צוליב דעם, וואס עס איז פאראן דא א זעלטען גוטער טעאטער־עולם, וועלכער וויל אויך האבען א בעסערען טעאטער, דעריבער נעמט ער אויף מיט אפענע ארעמס יעדען גוטען אקטיאר.

וואס קען אבער ארויס פון דעם אלעם, אז די בעדינגונגען און פערהעלטנישען זענען דא אזעלכע, וואס שטערען די ענטוויקלונג פון יודישען טעאטער, אזוי ווייט, אז אפילו אזא ערנסטער טעאטער ווי די „ווילנער", האט נישט בעוויזען זיך איינצופונדעווען אויף איין ארט. מוז ארומוואנדערען און קעמפען כסדר מיט מאטעריעלע שוועריגקייטען.

דאס לעבן פון א יודישער אקטריסע!

דערצעהלט פון דער בעריהמטער שוישפילערין עמיליע אדלער
געשריבן ספעציעל פאר'ן „נייעם פאלקסבלאט" פון זלמן זילבערצווייג.

XII.

די „רוסישע טרופע" — א ביהנע מיט „נאטירליכע" דעקאראציעס. — „א נו, יעווריעקא, פארטיע סודא" — מען רייצט אן הינט אויף די אקטיארן. — איך האב חתונה מיט יוליוס'ן. — מען פיהרט מיך אין שוהל. — דער פערשטערטער ברית ביי די קאמינסקיס. — מיר פאהרען קיין אמעריקא. — דאס מיסטעריעזע הויז אין לאנדאן

פאהרענדיג אזוי מיט בערענשטיינ'ען, זיינען מיר אנגעקומען אין שטעטעל פיריאטין, פאלטאווער גובערניע. שפילען אין דאזיגען שטעטעל איז אונז נישט לייכט אנגעקומען, כאטש מען האט געהאט פון גובערנאטאר א דערלויבניש צו שפילען „דייטש טעאטער" אין דער גאנצער גובערניע. דער אויספראווניק פון שטעטעל, א המון, האט זיך איינגעשפארט, אז ער וויל נישט דערלויבען צו שפילען. אויף אונזערע טענות, אז מיר האבען א דערלויבניש פון גובערנאטאר, האט ער גאנץ בהתבודדות געענטפערט, אז דא אין פיריאטין איז ער גובערנאטאר און קיינער האט קיין דעה נישט צו זאגען. צווייטענס, האבען מיר א דערלויבניש צו שפילען „דייטש" און אין שטעטעל איז גאר נישטא קיין דייטשען, נאר מסתמא ווילען מיר איהם אפנארען און מיר וועלען שפילען יודיש, וואס מען טאר נישט. דערמענס, איז דאס שטעטעל אזעלכס, עס זיינען נאר וואס געווען קאטארינשטשיקעס, א צירק, און זיי האבען געמאכט אזעלכע שלעכטע געשעפטען, אז ער האט די נעמונג געגעבען אויף הוצאות וויטער צו פאהרען.

בקיצור ער וויל נישט לאזען שפילען.

ווען בערענשטיין האט אונז אנגעזאגט די גוטע בשורה, האט יוליוס זיך אפגערופען, אז ער פאהרט צום אויספראווניק.

יוליוס האט דעם איספראווניק דערצעהלט, אז ער איז א דירעקטאר פון א רוסישער טרופע, ער האט איהם געוויזען א צענזורקע פון פעטערבורג אויף די פיעסע „דער גאסט פון יענער וועלט". אזוי ווי יוליוס האט גוט גערעדט רוסיש און אביסעל איז זכות פון דער פעטערבורגער צענזורקע, האט ער טאקע בעקומען א דערלויבניש פון איספראווניק.

די דערלויבניש איז געווען אויף דער פיעסע „א גאסט פון יענער וועלט", אבער געשפילט האט מען „משקע און מאשקע", וועלכע איז דעמאלט געווען זעהר פאפולער און בעליבט ביים יודישען מעאמען-עולם.

ווען מען האט אין שטעטעל זיך דערוואוסט, אז מען שפילט „משקע און מאשקע", איז ביי אלעמען געווען ששון ושמחה. אלע בילעטען זיינען זאפארט אויסגעקויפט געווארען.

און זעלבען אווענד, ווען מיר האבען געשפילט אין גארטען, איז זיך אונזער איספראווניק געזעסען אין קלוב און געשפילט אין קארטען, פארעדט זיך פאר איהם א יוד, אז היינט איז אין שטעטעל פרעהליך, ווייל ס'איז געקומען א יודישע טרופע. טענהט אבער דער איספראווניק, אז ס'איז א טעות. עס איז נישט קיין יודישע, נאר א רוסישע טרופע. שטעהט אבער אונזער יודען נישט אן, אז ער איז נישט דער איספראווניק זאל האבען א טעות און ער ענטפערט דעם איספראווניק:

— נישט א רוסישע, נאר בפירוש א יודישע...

בקיצור, אונזער איספראווניק האט זיך געכאפט, אז מען האט איהם געפיהרט אין באד אריין און ער איז שנעל אוועק צו אונז אין גארטען.

געטראפען האט ער פונקט ווי אונזער ראטשיין, וועלכער האט געשפילט „משקע", האט געזונגען דאס ליעדעל:

„קעשענ'קע קעשעניעו.

א, נאכאמאל קעשעניעו.

די ביהנע איז געווען אויפ'ן פעלד, מיט נישט געמאלטע און „נאטירליכע" דעקאראציעס. אזוי האט מען ווען מען האט געדארפט פארשטעלען א גארטען, געמאכט עטליכע לעכער אין דער פאדלאגע און איינגעשטעלט עטליכע צווייגען, וועלכע מען האט אפגעבראכען פון די ביימער.

די ביהנע איז נישט געווען אויך קיין פאדיום. דער איספראווניק איז זיך אליין צוגעגאנגען האַרט צו דער ביהנע. זיך דארט אוועקגעשטעלט און געקוקט ראטשיי־נען גלייך אין פנים אריין!

די אקטיארען האבען דערזעהען דעם איספראווניק, זענען זיי געווארען צעטומעלט.

אונטערשפרענדיג די האנד אונטער זיין בערדעל און אויפשטעלענדיג א פוס אויף דער ביהנע, האט דער איספראווניק געגעבען א זאג צו ראטשייגען:

— א נו, יעווריעקא, פארטיע סודא ! נאטשיגע, קום נאר א הער !!

ערשט איצט האט מען פערשטאנען אין וואס פאר א סכנה מען געפינט זיך. ערשטענס, האט מען גענארט דעם נאטשאלסטווא; צווייטענס, איז געווען קלאהר אז דער איספראווניק וועט פערלאנגען ביי אלע אקטיארען פאספארטען, און דאס האט געהערט צו די זאכען, וואס די אקטיארען האבען נישט פערמאגט.

יוליוס, וועלכער האט אין א קעסטעל פון גרינ געהאלטען דאס געלד פון דער קאסע, האט געכאפט דאס קעסטעל און שנעל געמאכט פיס... שלום צוקער וועלכער האט געשפילט „מאשקע", איז באלד נאך איהם. ביידע האבען זיך בעהאלטען עפעס הינטער א בריק, וואס האט זיך געפונען הינטערן שטעטעל. די איבריגע אקטיארען זענען זיך צולאפען, וואו די איגנען האבען זיי געטראגען. בלויז די אקטריסעס זענען א היימגעגאנגען און געווארט אויף די מענער, וועלכע זענען אבער נישט אהיימגעקומען, ווייל זיי האבען מורא געהאט, אז מען וועט זיי ארעסטירען.

דער איספראווניק האט באלד פונאנדערגעטריבען דאס פובליקום. געבליבען איז טעאטער איז בלויז ראטשיין, וועלכער האט געהאט א פאס. דער איספראווניק האט ביי איהם פערנומען דעם פאס און איהם געהייסען קומען מארגען צו זיך.

ווען ראטשיין איז צומארגענס געקומען צום איספראווניק, האט מען אויף איהם אנגערייצט הינט, אזוי, אז ער האט פאר שרעק פערלוירען דאס לשון. דערנאך האט מען פון איהם געמאכט א רעכט ביסעל דחוק און ענדליך אפגעגעבען דעם פאס מיט דער ווארנונג, אז ער און זיינע איבריגע קאלעגען קאמעדיאנטען זאלען תיכף פערלאזען פיריאטין.

נאך פיריאטין האבען מיר געשפילט אין גאדיטש, שפעטער, אפשר צוויי חדשים צייט, אין ראמני. דערווייל האט זיך אנגערוקט די צייט, וואס יוליוס, ס'ערצאנקע און צוקער, האבען זיך געדארפט שטעלען צום פריזיוו.

מיר זענען געבליבען אהן יוליוס'ן בלויז דריי וואכען, ווייל ער איז אויפ'ן פריזיוו באלד פריי געווארען.

און נעמענדיג אונזער אפמאך, האט ער די גוטע בשורה מיר אנגעזאגט מיט א טעלעגראמע:

„כיקום החתונה האבען".

אין אקטאבער 1902 זענען מיר געפאהרען קיין ווארשע. יוליוס איז געווען אהן א פרוטה, ווייל וויפיל ער האט פערמאגט, האט איהם אפגעקאסט דער פריזיוו. די מאמע איז געפאהרען קיין טאמאשאוו צו בעקומען דריי הונדערט רובל פון מיין חלק אויפ'ן הויז, וועלכעס מען האט פערקויפט מיט'ן בעדינג, אז איך זאל די דריי־הונדערט רובל בעקומען, ווען איך וועל האלטען ביי דער חתונה. דאס איז אבער נישט געגאנגען אזוי כאפ־לאפ. די מאמע האט פערבראכט אין טאמאשאוו צוויי וואכען צייט און צוזאמענגעקומען נאר מיט 150 רובל. דערווייל איז צווישען מיר און יוליוס'ן אויסגעבראכען א מחלוקה צוליב דער פראגע וואו די חתונה זאל פארקומען. זיינע עלטערען האבען דאמאלט געוואוינט אין בערדיטשעוו, מיין מוטער — אין ווארשע. יוליוס האט פארגעלייגט א פשרה, אז די חתונה זאל פארקומען ביי קאמינסקי'ן אין טרופע. איך האב אבער בשום אופן נישט געוואלט אפטרעטען דערפון, אז די חתונה מוז זיין אין ווארשע. אזוי אבער ווי מיין מוטער איז נישט געווען אין ארדנונג, האב איך געמוזט מסכים זיין, אז די חתונה זאל זיין אין טרופע. מייך משפחה האט זיך אבער אריינגעמישט, און צוויי וואכען שפעטער איז אונזער חתונה פארגעקומען אין ווארשע. יוליוס'עס עלטערען זענען נישט געווען אנוועזענד, ווייל ישט זיי און נישט מיר זענען נישט געווען בכוח אויסצוגעבען די הונדערט רובל, וואס דייער קומען האט געדארפט קאסטען.

צו שבע ברכות זענען מיר געפאהרען קיין ביאליסטאק צום חזן משה באס, וואו יוליוס האט אלס קינד געזונגען אלס משורר. ביי דער באהן האבען אונז אפגעווארט דעם חזנ'ס צוויי טעכטער. מען האט געמאכט פאר אונז א שיינעם קבלת פנים, צו וועלכען מען האט פערבעטען א סך פריינד. מען האט געוואגט וויצען, געטרונקען און זייער לוסטיג פערבראכט.

(פארטזעצונג קומט)

אוי, דער עץ־הדעת!...

(מאנאלאג)

— — פון — —

ש. ראזענשטיין

איהר קענט ראך מיין בת־יחידה'קעלע, סאלטשעלען! געווען הכבה זיך א קינד אויף אלע מיינע ליבע גע אונט געווארען. תמיד געפאלגט טאטע־מאמע, און גוטע פרומע לייט. געווען די ערשטע שילער'ן אין גימנאזיע, גע אט אויף זיך א מיניסטערישע קאפ — דאב איך צוליב איהר געקערט „מיינע שונאים מיט דער נאז, אפגעשפארט מיט פונ'ם מויל— אבי סאלטשעלע זאל, חלילה, נישט וויסען פון קיין נויט, און חא האט מיר נאט געהאלפען סאלטשעלע געהט צו דער מאטורע... ווער האט דאן געקלעהרט וועגען מסחר, פרנסה? א עקזאמען פערשטעהט איהר מיר, און א מין לאטעריע־שפיל. ווי זאגט מען דאס? — אפילו דער גרעסטער חכם קען זיך אמאל בענאר־רישען. אמת, מיין סאלטשעלע איז טאקע די ערשטע שילערין, לערנט זיך אויף הוילע „פינפען", וואך, אל תפתח פה לשטן. די שעה זאל נישט זיין און אנ־ועק מיט דער מאטורע... האבען פיר טאקע כמעט איינגעלעגט די וועלט: איך מיט מיין הארציגען תהלים'ל, און מיין חיה לאה מיט זכות אבות, אויפגעווערט איהר גאנצע משפחה אויפ'ן בית החיים זי זאל זיין א מליצת יושר פאר סאלטשעלע בעת'ן עקזאמען און וואס מיינט איהר, ומיר האבען פאר איהר אין א מולדיגער שעה ארויסבעקומען די אמת'ע מאטורע — די ערשטע מאטורע!

פון גרויס שמחה האב איך א גאנצע נאכט נישט צוגעמאכט מיט אן אויג. פערשידענע געדאנקען און פאנטאזיעס האבען זיך מיר געפלאנטערט אין מוח. אט זעה איך שוין מיין סאלטשעלען זיצען אין א גרויסער באנק, שרייבט און מעקט און די גרויסע גראבע ביכער, און א ווייסע הויז שטעהט זי שוין פאר א גרויסע פייער־קאסע און ציילט אויף גיך צעהנדליגער פעקלעך ואלארען... און און א מינוט ארום, ווידער, וואקסט אויס, ווי פון הינטער דער ערד א שלאנקער בחור מיט א פאר פערדישע אויגען, פיהרט צו זיך צו סאלטשעלע, און זאגט בזה הלשון: זייט וויסען, ר' יאנקעל, אז כ'האב ליב אייער טאכטער. איך וועל זי נעהמען ווי זי שטייט און געהט, און איהר, ר' יאנקעל, וועט דערצו אויך נישט דערלעגען. אט האט איהר דערווייל א טשעק אויף דריי הונדערט צוואנציג טויזענט דאלאר...

— יאנקעל, דו שלאפסט? — הער איך פלוצלונג חיה לאה'ס קול.

— ניין — זאג איך, — וואס ווילסטו זאגען חיה לאה?

— דו ווייסט, יאנקעל, וואס כ'וועל דיר זאגען? אפשר וואלט געווען א סברא, מיר זאלען דאס קינד שיקען אויף א פאר וואכען אין א פענסיאנאט אריין. דאס קינד איז נעבעך איינגעגאנגען ווי זאלץ אין וואסער, די מאטורע האט פון איהר געמאכט א כל עולם!...

— פונקט אזוינע געדאנקען, חיה לאה, וואס קומט אבער ארויס, אז...

— כ'ווייס וואס דו ווילסט זאגען: וואו נעהמט מען די עטליכע זלאטעס? א יא, געטראפען? ביז איך דאך דערויף א מאמע פון הונדערט און צוואנציג יאהר, נישט קיין מאטע, קער איך טאקע אזוי, א גאנצע נאכט און לסוף געפאלען אויף אן עצה: צו וואס דארף איך דאס גאלדענע קייטעל, וואס דו האסט מיר געגעבען חתן־וויין אלס כלה־מתנה? כ'וועל דאס פערקויפען, און פאר דעם געלד וועט סאלטשעלע קענען פאהרען אין א פענסיאנאט אריין...

און או חיה־לאה זאגט און געזאגט... צו מאה־נעם האט מיינע געבראכט די פאר זלאטעס און סאלטשעלע פאהרט אין פענסיאנאט. איהר וואלט בעדארפט הערען די „עליות" וואס מיינע האט געמאכט בעת סאלטשעם אוועקפאהרען, זי האט אוועקגעלעגט א תחינה, פונקט ווי, להבדיל, ימים נוראים צו „ונתנה תוקף"... א חוץ דעם פ עט זי זיך אלע נאכט אויפכאפען פון שלאף מיט א געוויין: „סאלטשעלע, וואו ביסטו, מיין קינד?" ארייגעפאלען אין א היסטעריקע, א כ'האב זי א גאנצע נאכט בעדארפט מונטערען...

קום מיט צרות דערלעבט די פאר וואכען און סאלטשעלע איז געקומען פון פענסיאנאט א פרישע, א געזונדע — מיר האבען אנגעקוואלען פון נחת. איך טו אבער א קוק און זעה אז סאלטשעלע איז מיר עפעס ראסיג... גייט ארום פערטראכט, ב שוין צו־פיל פערטראכט, און קוקט אויף מיר מיט אזא מאד־נעם בייזען קוק, אז נאט זאל שומר ומציל זיין. יאנקעל איז אבער נים קיין יורענע, יאנקעל האט צייט... גייט אבער אוועק א טאג נאך א טאג — סאלטשעלע רעדט נישט א ווארט. אויב אזוי, טראכט איך מיר, דארף מען שוין א טאפ טון און זאגען...

— קינד מיינס, — זאג איך צו איהר — וואס ביסטו אזוי אומעטיג, וואס פעהלט דיר? דוכט זיך א חוץ דיין שארען אויף אלע יודישע טעכטער געוואנט געווארען — א קלייניגקייט מאטורע, די ערשטע מאטורע!...

— אזא מאטורא אזא גליק! אפשר זאל איך זיך איינוואלצען אין דערוויל פערקאשערען די ארבעל און אפקאכען א מטאג?!...

— חלילה, זאג איך, קאכען איז נישט פאר דיר. דערויף האסטו ברוך השם א מאמע ביז הונ־דערט און צוואנציג יאהר, ער וועט שוין פאר דיר עפעס אויסזוכען — א פאסטען אין א באנק אדער אין א געשעפט, אדער גאר... נישקשה... האסט זיך אויף ווער צו פערלאזען!

— וואס נאך, אפשר? הופט זי זיך צו מיר אפ, אוועקזעצען זיך דיר גאנצע טעג און זיך לערנען שרייבען ציפערען, אדער געשמאקע סוחרישע בריוו־לעך? דערויף האב איך בעדארפט פטר'ן מיינע יונגע יאהרען? ניין, דאס וועט נישט זיין! זאלסט וויסען, א כ'האב בעשלאסען וויטער שטודירען אין אוניווערזיטעט, איך וויל זיין זעלבסטשטענדיג, נישט ארויסקוקען אויף לאקסאווע ברויט...

— אוי, נאר! זאג איך, ווייטער שטודירען, פון הפנים נאך וויניג געלערנט, און די מאטורע, הייסט עס איז א הונה? אויב אזוי הערסטו, במחילה, ווי א קינד...

— ניין, כ'בין שוין איצט נישט מעהר קיין קינד. איך ווייס שוין יא וואס איך רעד. אלע מיינע קאלעזשאנקעס פאהרען אין אוניווערזיטעט און איך וועל זיך אוועקזעצען און קוקען אויפ'ן טאטען מיט דער מאמען? נישטא ווער ס'זאל לאכען!...

— ווער לאכט? זאג איך צו איהר, חלילה, פאהר, פאהר געזונטערהייד, אבער זאג מיר, טאכ־טערשי, און מיט וואס צו פאהרען האסטו?

— וואס הייסט איך האב? ענטפערט זי מיט כעס, אוודאי האב איך! איך האב א טאטען! און מעהר דארף איך גאר נישט. ווען איך פאקע פאהרען אין אוניווערזיטעט אריין און הער טאטע וועט מוחל זיין מיר שיקען א פאר הונדערט זלאטעס א חודש אויף דער הוצאה...

— אוים אזוי, — זאג איך שוין מיט א גענעכ־טער, — דערכסטו טאקע, טאכטערשי, ווי א חכמה אפשר זעהסטו וואלסטו איין זיין וועגם מיר אנ עצה געגעבען פון וואנען. זאל איך נעהמען די פאר הונ־דערט זלאטעס א חודש פאר דיין אוניווערזיטעט?

— אפילו פון דער ערד זאלסט זיי, דערויף ביסטו דאך א טאטע!

— אמת, א טאטע בין איך, אבער נעבער א טאטע א קבצן, א דלפון און אכצענט פאלעס... ווער די מאמע איז קראנק, געפערליך קראנק, זי דארף זיך קורירען, ווי דאס לעבען, און אויף דעם איז אויך נישטא... פאלגט דעם טאטען, טאכטערשי, און שלאג זיך בעסער ארויס די נארישע געדאנקען פון קאפ. איך ווייס: „העכערע קורסען" איז טאקע גאר א וואשנער ענין, אבער ווי זאגט די מאמע דיינע — דער עיקר זענען די „מאלושענסקי קורסען"... און מיט'ן אייבערשטענס הילף, ווען דער טאטע וועט זיך נאר פארשטארקען „וועט שוין קומען איינער פון מיינע און וועט דיך נעהמען אהין"... נישקשה, אויף א ערשטע מאטורע ווי דיינע, וועלען זיך געפינען א סך בעלנים!...

בקיצור, מיר האבען אזוי אריינגעטענהט ביז שפעט אין דער נאכט. איך האב איהר געפרובט אויפ־ווייזען באותות ומופתים, אז דאס שטארבען איז נישט פאר אונז און נישט פאר איהר, און חוץ לזה מעג דאס די מאמע נישט קענען איבערטראגען, זי שווערען זיך מיט איהר אין אונאוינציגע טרייסט... איך האב געמיינט אז דערמיט וועל איך איהר נעהמען, אבער וואס ווען? — א גענע־טיגער טאג! און וואס מיינט איהר טוט זי, סאלטשעלע, הייסט עס? נאר נישט! זי ליגט גאנצע טעג און נאכט און בעט, עסט נישט, טרינקט נישט, נאר זי וויינט... און טאמער דערזעהט זי מיר, און הויבט זי אן בחומען מיט אזא כעס, אז א פתר פאלט אויף מיר. אט גערט ער דער רעספעקט, הער פאר נאטיקער!...

א בלוטיגער שונא איז זי מיר געווארען מיין אייגען לייב און פלייש; די שטוב איז פאר מיר א גיהנום, כ'בין שוין כמעט משוגע, ווייס נישט וואס צו טון, ווי א טויב, פאר דער צייט.

אוי, נאטעניו, נאטעניו, מיט איין טעכטערל האסטו מיך מוכה געווען, דערפאר אבער מיט אלע מעלות!...

הערט איהר, פאני לעבען, וואס כ'וועל אייך זאגען? אונזער מאמע חיה האט אונז אומגליק־לייך געמאכט אויפ'ן גאנצען לעבען. ס'זאט זיך איהר איינמאל פערגלוסט פערזוכען פונ'ם עץ הדעת, ליגען מיר איצט דערפאר נאך אייביג טיף אין דער אדמה...

אוי, דער עץ הדעת!...

הומאָר — דער קונדס — סאַטירע
צוזאַמענגעשטעלט דורך א. שאַפּצינגעל

פּאָליטיק פון דער וואַד

אויב עס געפינט זיך עמעץ אויף אונזער וועלט־טעל, וואָס טרייסט, איז עס נישט עמעץ אַנדערש, ווי די פּאָליטיק און די פּאָליטיקער.

אין דער ערשטער רייה דאַרף מען א טרייסט געבען מוסאָלינין, ער האָט זיך שוין געדאַכט ווייט פער־מאַסטען און שוין געהאַלטען ביים אנכאַפּען פראַנק־רייך פאַר'ן נאַרגעל, איז אים אונטערגעשפרונגען אַנ־צווי־ציטערנ'ש און א סוף צו אַלע זיינע פּלענער.

געה ווייס, אז אַנ'ערד־ציטערנ'ש קאָן אויך אַמאָל זיין א שטערונג אין דער פּאָליטיק.

טרייסטען דאַרף מען אויך כינע, וואָרט אין עפּיס גאָר בּישט פּוֹנגעלדיג. אפשר וועט זי דאָרט ברענגען אַפּילו מיט אונזער טרייסט.

אויך ענגלאַנד נויטיגט זיך אין א שטיקעל טרייסט. אינדיען, עגיפּטען, פּאַלעסטינע, רוישען און שוואַרץ און פיר־קלאַפּאַטשען און ווייט, אז נאָר דורך א בּי־פּעלע טרייסט, קאָן סינעמים לינדער ווערען.

מיר האָבען נאָר ווען צו טרייסטען, נאָר צוליב דיפּלאָמאַטישע און פּאָליטישע טעמים, וועלען מיר בעסער שווייגען.

ביאָגראַפיעס

פון „קונדס"־לעקסיקאָן

מרים אָרלעסקאַ

ווי נאָר אָרלעסקאַ איז געבוירען געוואָרען, האָט די העבאַמע באַלד געזאָגט, אז פון איהר וועט אַרויסוואַקסען א גרויסע אַקטריסע, אלס ס'מן האָט זי אנגעגעבען, וואָס ביי דער ניי־געבוירענער, פערשטעהט מען קיים וואָס זי רעדט.

די ביאָגראַפען וואונדערן זיך: ווי אזוי קומט עס, אָרלעסקאַ איז אַנ'אַקטריסע און מען הערט עפּיס נישט וועגען אַנ'אַקטאָר מיט'ן זעלבען נאָמען, אויף נעמען מען זאל קענען אַרויסווייזען, אז צוליב'ן ראַזי־גען מאַן, איז זי אַנ'אַקטריסע.

פאַר די ביאָגראַפען שטעהט נאָך א פראַגע: צי אָרלעסקאַ איז בכלל אַנ'אַקטריסע. ווי קאָן עס גע־מאָלט זיין אַנ'אַקטריסע, וואָס זאל נישט שטאַמען פון אַלטען יודישען טעאַטער? מען האָט שוין געזוכט מיט ליכט און איהר נאָמען געפינט זיך דאָרט נישט.

וועגען איהר ערשטע אויפטריט אויף די טעאַ־טער־ברעטער, וויל אָרלעסקאַ גאָר נישט דערצעהלען. מען ווייסט נאָר, אז זי האָט דאַן געדאַט א גרויסען הרכּפאַל און האָט צוגעשוואוירען, נישט מעהר בע־טרעטען די סצענע, ווי מען זעהט אָבער, האָט זי די שבועה נישט געהאַלטען. דער טעאַטער־עולם קאָן איהר אָבער נישט מוחל זיין דאָס ברעכען די שבועה, און יעדען אָוונט מאַכט מען איהר סקאַנדאַלען אין טעאַ־טער, דורך קלאַפּען מיט די הענט און טופּען מיט די פיס.

איצט די רעצענזענטען ליבען איהר, הערפאַר איז מאַן אַריין.

דאָס איז איהר שטראָף פאַר נישט האַלטען די שבועה.

זאָל דאָס זיין אַנאַ־לעהרע פאַר אַנדערע אַקטריסעס.

א בקשה פון א לעטניטשקע

א גרויסער בּוֹרא הימל'שער טאַטע!
איך קום צו דיר מיט א בקשה איצט,
איך בעט ביי דיר, זאָלסט נישט פערעכענען
מיר אָבערן זמער די זינד.
איז וועמען דאָס מיין שולד?
דער יצר הרע, א שטאַרקער, א גבור,
שרייט מיט אַלע כּוחות:
לעב, כּל זמן ס'איז נישט פאַראַבער.
נישט וועלענדיג מוז איך זיך צוהערען
איך בין נישט אימשטאַנד זיך צו ווערען.
ביז איך איז קיין ספק ביי דיר,
אז פערצייהען וועסטו מיר.
נאָר איין זאַך איז שלעכט:
וואָס שרעקען איך פערדאַג
אז מאַמער אימטגעריכט
קאָן קומען דער מאַן.

מר. ג. שאַ.

א טרייסט אַזאַ

(וואַד = קלאַנגען)

ס'איז דער חורבן גרוֹיס ביי יודען,
און מען דאַרף אַ'צט חסד, רחמים,
אָבער ס'העלפט נישט, זינגען מיר מען —
אַקטועל איז: נחמו־נחמו...

נחמו־נחמו: טרייסט זיך, יודען,
וואָס מען פּיהרט אייך אַלע אין בּערעל:
פּריהער — החורבן, שפּעטער נחמו!
ס'דרייט זיך דאָך אזוי דאָס רעדעל...

וואָס ושעה הען? א ברירה האָט מען?
אזא לעבען אזא מזל,
אויף די אַכשיטקעס עם דיעפּעשעס,
און עס גייט אַלץ נאָר ס'שלים־מזל...

וואָס א טאַג — דער חורבן גרעסער;
וואָס א רגע ווערט אַלץ ערגער:
ס'לעבען האָט א טעם פון מיתה —
מ'ת'ם גייען גאַנצע בערגער...

לויפט מען, האָוועט מען, און שוויצט מען,
ס'ווייסט דער רופא בלויז, וואָס איז עס,
אז מען שוויצט אַלץ וועס א טמן —
שוויצט מען — זאָגט ער — איז אַלס קרידים...

זאָגט ושען: נחמו־נחמו, יודען!
הערט שוין אויף אַמאָל צו קלאָגען:
ס'איז דאָך נאָך א נס א גרויסער,
וואָס מען קאָן איצט „נחמו" זאָגען!

יאָקעל בּן פּלעקעל.

עם העדט נישט אויף צו „רעגענען"



פון שייקע פייפערס חכמות

אַמאָל, אין א לאַנגען זומער־טאָג, בעת עס האָט שייקען שוין צוגעריקט די נויט, איז ער אַריין צום ווילנער שטאַט־מגיד ר' וועלוועלע, און האָט איהם געזאָגט:

— רבּי, איך וואָלט אייך געבעטען א טובה. ביי מיר איז היינט א תענית־יחיד, איך קאָן נישט אויסהאַלטען, דער טאָג איז לאַנג, ווי דער יודישער גלות. די זון באַקט און איך פאַל פון חי כּוחות. איך געה פשוט אוים פון הונגער...

— טאַ וואָס פערלאַנגט איהר, ר' שייע? — האָט איהם ר' וועלוועלע געפרעגט.

— איך פערלאַנג פון אייך, איהר זאָלט מיר מתיר נדר זיין און בעפרייען פון תענית.

— אפשר דאַרף מען וויסען וואָס עס האָט אייך געבראַכט דערצו, איהר זאָלט אויף אייך גוזר תענית זיין? האָט איהר אייך, חלילה, און עפּעס פער־זינדיגט?

— ניין, רבּי; איך האָב מיך נישט פערזינדיגט, נאָר אַמאָל מיט עטליכע יאָהר צוריק איז מיר מיין ערשטע ווייב, עליה השלום, געקומען צו חלום, און האָט מיך גענומען שטיקען, כּאשר איך האָב תיכף ווי איך בין אויפגעשטאַנען פון „שבעה" גענומען און אַנגעשטעלט א חופּה מיט א צווייטער. זי האָט שוין געהאַט בעוויזען אַריינצושטעקען איהרע שאַרפע נע־געל אין מיין האַלז, אויב מיין צונג האָט מיר שוין אַרויסגעשטאַרצט פון מויל, און יענער מינוט האָב איך געטון א נדר, אז אויב גאָט העלפט מיר און איך געה אַרוים פון מיין ווייבס נעגעל בשלום, זאָל איך אַלע יאָהר אין יענעם טאָג יושב בתענית זיין. און דאָ האָב איך מיך אויפגעכאַפּט. איהר זעהט, רבּי, די בלויע צייכענס אויף מיין האַלז? דאָס זענען ב' יומה פערבליבען פון יענער שרעקליכער נאַכט. פלעג איך מיר אַזוי יעדעס מאָל אָפּהיטען דעם תענית מיט אַלע פּיטשעווקעס, היינט קען איך דאָס אָבער נישט, איך שטאַרב ממש אַוועק נאָך א פּי־צעל ברויט...

— אויב אַזוי — האָט זיך ר' וועלוועל אָפּגע־רופען — איז פּקוח נפש דוחה אַלץ; געהט שוין די מינוט און בייסט אָן...

— א דאַנק אייך, רבּי! — האָט שייקע גע־זאָגט — איהר האָט פשוט מחיה מתים געווען. איך געה שוין...

שייקע איז אָבער געבליבען שטעהן אויף דער שוועל און האָט זיך גענומען קראַצען די פּאה.

— וואָס האָט איהר אייך עפּעס מיטאַמאָל אַזוי פערטראַכט? אייך חלשט דאָך אַזוי דאָס האַרץ...

הערויף האָט איהם שייקע געענטפערט:

— איך טראַכט, ווי מען איז אייך פאַר אייער מענטש מוכה מיט נאָך א מצווה.

— דהיינו? — האָט ר' וועלוועלע נישט פער־שטאַנען, וואָס שייקע מיינט דערמיט.

— דהיינו, אז שייקע וויל אָנבייסען און האָט אָבער נישט פאַר וואָס...

ר' וועלוועלע האָט אַרויסגענומען פון קאַמאָר א רובּעל און דערלאַנגט שייקען, וועלכער איז ווי א וויכער אַרויסגעלאָפען פון שטוב, אַרויסוואַרפענדיג פון מויל:

— אַ גרויסען יישר־כּוח אייך, רבּי! איהר האָט מיך מיט מיין ווייב און קינדער פערזאָרגט מיט חיונה אויף א גאַנצע וואָך!... איך לויף שוין אַהיים מיט דער גוטער בשורה...

ר' וועלוועלע האָט גראָד בעמערקט דורכ'ן פענסטער, ווי שייקע איז אַריין אין דער אַנטקעגענאַי־בערדיגער שענק. ער איז נייגיריג געווען צו וויסען וואָס שייקע טוט דאָרט, און האָט אַהין אַריינגעשיקט זיין שמש.

דער שמש איז באַלד געקומען צוריק מיט דער תשובה:

— שייקע זיצט אין שענק איבער א גאַנצען פּאָלומישאָק בּלינצעס און פרעסט ווי נישט אין זיך...

— געה זאָג שייקע, אז תיכף ווי ער וועט ענ־דיגען עסען, זאָל ער אַריינקומען צו מיר, — האָט ר' וועלוועלע בעפוילען דעם שמש.

שייקע האָט גאַנץ רוהיג פערענדיגט עסען די בּלינצעס, האָט זיך אָפּגעווישט די וואָנסען און איז אַריין צו ר' וועלוועלען.

— איז אייך נאָך פערבליבען, ר' שייע, עפּעס רעשט פאַר ווייב און קינדער? — האָט איהם דער שטאַט־מגיד א פרעג געטון בייזליך.

— איך פערשטעה נישט רבּי, פאַרוואָס איהר זייט אַזוי בייז אויף מיר. פון איך האָב ביי אייך בעקומען דעם רובּל, האָב איך קיין בלינצעס נישט געקאָנט עסען, איצט אז איך האָב שוין דעם רובל, טאָר איך קיין בלינצעס נישט עסען; — א וואונדער־וואָרט אויף אַזאַ אופן, וועל איך שוין פאַרט עסען בלינצעס?...

די מוראַשקע און די הוהן

(פאַבעל)

שלעפּענדיג א שטיקעל בלאָט,
א שטיקעל פון א פרושען בּלאָט,
האָט די מוראַשקע שפּאַצירט
מיט איהר לעבען וואָס זי פיהרט:
— איך בין קליין,
(האָט זי געטרעט צו זיך אַליין)
נאָר דאָס האָט גאָרנישט וואָס צו זאָגען,
נישט קיין סך פערמאָגען,
מיינע פעהיגקייטען
עסען צו פערגרייטען
און עס גוט בעהאַלטען,
אין העכער און אין שפּאַלטען.
דערפאַר וואָס איך בין קלוג,
האָב איך שפּייז גענוג,
און דאַרף ווי אַנדערע נישט זאָרגען
פאַר'ן מאָרגען.
אין ווינטערצייט,
אין דער שלעכטער צייט,
ווען ביי טויזענדער פעהלט דאָס עסען אויס,
איז מיין שפּייז־אוצר אומגעהויער גרויס!
נאָר אַנטקעגען מאָנאָלאָג,
האָט זי געהאַט אַנ'איבּערשלאָג:
א הוהן, וואָס איז די גאַנצע צייט
געשטאַנען נאָהענט ביי איהר ווייט
און געהערט,
ווי זי האָט אויפ'ן קול געקלערט,
ענגערניש זיך צו איהר גענומען:
אַלע גוטע זאַכען...
— גוט, וואָס ביסט געקומען,
נאָר, פאַר א העלד זיך מאַכען
כ'אַל דיר קענען זאָגען,
דאָס איז שוין פון דיר נישט שענע;
ס'ווייסט דאָך גרויס און קליין —
אין פרעמדע גערטנער גענומען „קלייבען"
זיך לייבען
מיט אַט דער זאַך,
העלפען נישט קיין סך...
נאָר אזא בעשעפעניש ווי דו:
א שלעכטע און פערביסענע הערצע,
וואָס טוסטו אויף?
דו שלעפּסט צונויף
פיל שפּייז און דיין נאָרע
נאָר פיהלסט נישט מיט;
העלפסט קיינעם נישט
אין א נויט, א צרה.
נישט אזוי בין איך
פאַלט מיר גאָרנישט איין
(אויף צו לייבען זיך
ווילסטו א בעווייז?
איך גיב שפּייז פאַר שפּייז:
אייער פריש און פיין.
— — — — — — — — — —
פיל רייכע מענשען אויף דער גרויסער וועלט
טוען ווי די מוראַשקעס מיט זייער געלד...

ח. י. פערבער

א חסידיש גלייכווערטעל

— פאַרוואָס שטעהט אין „שמונה עשרה" פריהער „על הצדיקים" און דערנאָך „ועל החסידים"? א חסיד איז דאָך גרעסער, ווי א צדיק?
— ווייל ס'איז אַנ'אַלטער כּלל: מיט א חסיד זאָל מען קיינמאָל נישט אָנהויבען...

זי קען זיך נישט דערוואַרטען

פרוי צום דאָקטאָר: הער דאָקטאָר, איהר האָט מיך געהייסען וואַרטען אויף אַפּעטיט. אָבער איך קאָן זיך נישט דערוואַרטען. עס פּאַסירט אַז איך שטאַרב אַוועק פון הונגער און דער אַפּעטיט קומט נישט, מוז איך עסען אָהן אַפּעטיט.

בעסער נישט

אַדוואָקאַט: מיט אייך איז שלעכט: איהר קענט בעקומען דריי מאָנאַטען טורמע, ווען איהר וואָלט כאָטש געקענט בעווייזען וואו איהר זענט געווען אין דער צייט פון דעם פערברעכען.

אַנגעקלאַגטער: איך קען דאָס בעווייזען, אָבער איך האָב מורא, אז איך וועל בעקומען זעקס מאָנאַטען.

די פערשאלטענע ירושה

גרויסער ראמאן פון לײדענשאפט, ליבע און פערברעכען

קאפיטעל אײנס

זיך דערוואַרט...

אין די געריכטס־אקטען האט דער ענין פיגורירט אלס „פראצעס פון גוטערמאנס הויז“.

אין די אפיציעלע דאקומענטען זענען געווען טרוקען געשילדערט די בלויזע פאקטען אהן שום צופוצונגען.

די צײטונגען האבען זיך צו דער זאך בעצויגען מעהר ראמאנטיש און בײ זײ האט די זאך געטראגען פערשידענע נעמען, ווי „די פײגלען פון טויט“, „דאס משוגעת פון גוטערמאנען“, „די גרוב פון דער מיתה משונה“, „דאס האקבריעט פון מענשליכען פלײש“ א. א. וו.

און געדרעהט האט זיך דער ענין ארום א הערליכען רײזיגען הויז אין דער הויפט־שטאט, וואס האט אפגעקאסט געוואלדיגע געלד־סומען.

אין דעם ראזיגען הויז, וואס איז געווען געבויט לויט די מאדערנסטע כללים פון דער ארכיטעקטור־טעכניק, לויט לעצטען געשריי פון דער מאדע און בעקוועמליכקייט, זענען געווען וואונדערבארע דירות, געוועלבער און פערוויילונגס־לאקאלען.

עס האט ממש פערגומען דאס אויג בײם בעטראכטען דאס רײכטום און לוקסוס מיט וועלכען דאס קאלאסאלע הויז איז געווען געבויט.

לעצטענס אבער איז זײן מאיעסטעטישע פראכט פערוואנדעלט געווארען אין א מין מורא'דיגע פערקריפלונג, אין א פערוויסטעניש, מחמת די ווענד זײנע האבען זיך אויסגעוויזען, ווי פערגאסען מיט בלוט; דער געהײמניספולער, שווינדעלדיגער בנין האט זיך, ווי א רעטעניש ארויסגעהויבען אין דער גאס, און א תוך האט ארומגעשפאצירט אין די לײדיג־געוואָרענע פרעכטיגע זאלען און לאקאלען, וואו נישט לאנג צוריק נאך האט עס געשוויבעלט און געגריבעלט מיט לעבען, מיט ענערגיע, מיט פרייד.

בשעתו האט גוטערמאן אויסגעבויט זײן „עוג מלך הבשן־הויז“, צושטערענדיג און אויסגלײכענדיג מיט דער ערד כמעט א גאנצען קווארטאל פון אלטע האלב־חרוב'ע הײזער — און דער ראזיגער בנין פון ווײסען שטײן האט אויסגעזעהן שטאלץ און קאלט אין זײן שטרענגער שײנקײט.

אינטען, ווי געזאגט, זענען געווען אײנגעארדענט פרעכטיגע האנדעלס־לאקאלען, א קינא־טעאטער, אנ'ערשטקלאסיגער רעסטאראן, א סאלאָן פאר בילדער־אויסשטעלונגען, און אויף די העכערע שטאקען זענען געווען קאמפארטאבלע וואוינונגען און ביורא'ס, וואס מען האט געדארפט צו האבען גאר א סך געלד און סאלידע רעקאמענדאציעס, כדי פון זײ צו געניסען.

נאר אז ליבען האט זיך געמאכט א ספעציעלע וואונדער־דירה דער באלעבאס גופא.

ריזיגע געלד סומען האט אפגעקאסט גוטערמאנס הויז, און א סך געלד האט מען געדארפט צו האבען, כדי צו ווערען זײנער א לאקאטאר. נאר גרויסע נגידים האבען זיך געקאנט דערלויבען אויף דעם לוקסוס.

מיט אײן ווארט: יעדער ווײסער שטײן האט, דאכט זיך, געשריגען און געליארעמט — געלד, און געלד, און, נאכאמאל געלד!..

דאס הויז איז געווארען אײנע פון די וויכטיגסטע מערקווירדיגקײטען אין דער גרויסער שטאט, און —

פלוצים, אין אײן העלען טאג, האט זיך דער שווארצער שאטען פון דער ווילדער קללה ארײנגעגליטשט אינעווײניג, און געבראכט חורבן, און מענשען האבען איהם אויסגעמיטען, און געוויכען פון איהם, ווי פון א שפין.

— — — — — — — —

מארקוס קאשטאן האט גלײכגילטיג אויסגעהערט די פעראורטײלונג וועגען זײן בעפרײאונג פון דער תפיסה.

די ווערטער, וואס ער האט געהערט, די ווערטער, וואס ער האט געענטפערט האבען געקלונגען אהן א זינען אין זײנע אויערען.

מיט פחד האט ער געטראכט וועגען דעם. אז די פרײהײט, וואס ער האט בעקומען קאן ווערען פאר איהם א התחלה פון נײע יסורים, פון נײעם צער און פערצווייפלונג, הינטער וועלכע עס וואַרט בלאס און נאקעט די לײדענפולע טעג, וואס ער האט דורכגעמאכט אין דער תפיסה.

פיער יאהר מיט עטליכע חדשים, אין משך פון וועלכע ער איז געווען אפגעשניטען פון דער אויסערליכער לעבעדיגער וועלט, איז געווען א לאנגער טערמין פון אײנזאמקײט און עלענד.

פערערגיט האט לײענען פון דער פעראורטײלונג האט ער זיך דערמאנט אין די נעראנקען די שווערע [illegible].

אײנער פון די טויזענדער אומענדליכע טעג איז איהם בעזונדערס געשטאנען, ווי א לעבעדיגער פאר די אויגען — דער טאג, ווען ער האט נאך ארעסטאנטען געארבײט בײם פערריכטען דעם באהן־וועג, און א קויל האט איהם דורכגעשאסען די פאק.

אנ'אומגליקליכער צופאל?

א נישט־געראטענער יענער, וואס האט נישט געטראפען אין ציל?

אדער...

אדער עפעס אנדערש?

אויב עס האט געשאסען יענער מענש, וועלכען מארקוס האט געזעהן אין זינען, איז עס געווען א. א. מין התראה, א ווארענונג אזא! דערפאר שוין אליין, ווייל יענער פערשוין האט תמיד געטראפען אין ציל!

א, צי נישט צו־הייט אמאל פערפעלט זײן געראנק?

מארקוס האט זיך אנגעשטרענגט, — כדי דאך אויסצוהערען, וואס מען לײענט איהם פאר.

צי האט ער אבער געקענט הערען?

וואס האט ער געהאט א שייכות מיט דער דאזיגער געדערעריי?

ער איז געווען פריי.

באלד וועט ער זיך צוריקקעהרען אין דער וועלט פון לעבעדיגע מענשען: מען וועט איהם ארויספיהרען פון הינטער די ווענד, וואס האבען איהם געהיט פאר'ן דרויסען, און גלײכצײטיג בעשיצט פאר'ן זעלבען דרויסען...

איצט וועלען שוין נישט שטעהן קיין בעוואפענטע וועכטער צווישען איהם און דער פרײהײט — צווישען איהם און יענע... וואס האבען אויף איהם געוואַרט.

א דראבנער ציטער איז אדורך איבער זײן לײב.

ער האט זיך דערמאנט אין'ם טאג, ווען ער האט אויסגעהערט דעם אורטײל, ווי ער איז ארויס פון דעם געריכטס־בנין אין הויף ארויס, וואו עס איז געשטאנען די תפיסה־קארעטקע, און — ווי ער האט דערזעהן א געוויסען פנים צווישען דעם נײגעריגען המון.

דאס זעלבע פנים איז איצט געשטאנען פאר זײנע אויגען, ווי א לעבעדיגע געשטאלט, וואס האט אפגעשטויסען אלע איבריגע ערינערונגען פון יענעם טאג.

ער האט געזעהן, ווי די גראבע ליפען האבען זיך א בעוועג געטאן, און געהערט, ווי יענעס'ס מויל האט צופייפענדיג ארויסגעצישט דריי ווערטער, וואס האבען איהם אין א הפסקה נישט געלאזט רוהיג אפ'עטעמען אין משך פון די פיער יאהר און זיבען חדשים שווערען טורמע לעבען.

די דריי ווערטער זענען געווען:

— מיר וועלען ווארטען.

שרייבען האט מען איהם נישט געשריבען.

קיינער האט איהם אין דער טורמע נישט בעזוכט.

ער האט אבער אויף זיכער געוואוסט, אז זיי האבען אויף איהם געוואַרט, ווי אײנער וואַרט אויף משיח'ן.

ס'איז מאדנע און לעכערליך און גלײכצײטיג — האט ער א טראכט געטאן. — וואס אנ'ארעסטאנט פרייט זיך נישט מיט'ן בעפרײאונגס־טאג.

מען האט איהם צוגעפיהרט צום טורמע־טויער.

איבער'ן קאפ איז געהאנגען א שווערער בלײערנער הימעל. די גרויע כמארעס האבען זיך געטראגען איבער דער ערד, ווי די געשפענסטער־שיפען, געטריבען פון ווילדע ווינטען צו אנ'אומבעקאנטען ברעג.

מארקוס האט געכאפט הינטערווײלעכטס א בליק אויף דער טורמע, אויף דעם ברייטען געפלאסטערטען הויף און אויפ'ן וועג, מיט וועלכען עס זענען שנעל געפאהרען די אויטאס פון פרייע מענשען.

ער האט אנגענומען די האנד, וואס איז צו איהם געווען אויסגעשטרעקט און זי פעסט א דריק געטאן.

— אדיע, איך ווינש אייך גליק!..

די דאזיגע ווערטער זענען געווען אומגעלומפערטע, און דערהערענדיג זיי, האט ער מיר א שמייכעל געטאן.

„גליק?! גרויסער גאט אין הימעל!“..

נישט גליק האט ער געוויס געהאט, נאר פראסט פשוט — א נס..

מיט די דאזיגע מחשבות איז ער ארויס אין דער אפענער וועלט, און זיך געלאזט שפאצירען מיט'ן וועג.

הינטער די פלייצעס האט זיך איהם פערדאקט דאס טויער פון זײן אײנזאמער, מעהר־ווענינער זיכערער בעהעלטניש.

— — — — — — — —

אין דערזעלבער נאכט האט א יונגע קאמפאניע — פון צוויי בחורים און צוויי מיידלעך — זיך צוריקגעקעהרט פון א טאנץ־פערוויילונג, א פופצעהן מייל ווייט פון דער שטאט.

געפאהרען זענען זיי אויף א גרויסען אויטא, וואס האט העל בעלויכטען דעם וועג מיט זײנע גרויסע אויגען־לאמטערענס, און בעשיינט יעדע בענקענדע שטײן און גרעזעל.

דער אויטאמאביל האט זיך געיאגט מיט א שטארקער שנעלקייט איבער'ן גלײכען און ברייטען אבער שלעכט־געפלאסטערטען שאסיי־וועג.

די יונגע פארלעך האבען וועניג אכטונג געגעבען אויף דער טרייסלעניש, אויף דעם אפטען אונטערשפרינגען אויף די בערגלעך און גריבער, און אויף דעם פינסטערען בלאטיגען פייזאוש ארום און ארום.

פערקעהרט האט אונטערטאנצען פון דעם אויטא, דאס „בוצקען זיך“ פון די יונגע קערפערס זייערע האט זיי נאר שטארק געוויילט, ובפרט נאך דערפאר, וואס זיי זענען אזוי־אויך געווען אין א גוטער שטימונג נאך די פרעהליכע טעניץ און הייסע אומארעמונגען, ווען די קערפערס זייערע האבען געגליהט פאר יוגענד־פרייד און געזונדער תאוות.

און א בעזונדער פערגעניגען איז עס איצט פאר זײ געווען, וואס דער אויטאמאביל האט זײ איצט געטראגען מיט דער שנעלקײט פון א נאכט־ווינד.

דער שאפער האט פערקלענערט דעם אימבעט, כדי בײם פערקעהרען נישט צו פערקריכען אין דער בלאטע.

די לויכטענדיגע אויגען פון דער נאכט־פערזעהעניש האבען געמאכט א ווייסען קרייז און זיך אפגעשטעלט אויף דעם אנהויב פון א קלײנעם וועלדעל.

דער עלעקטרישער שטראהל האט זיך ארײנגעפלאכטען אין די בוימער און א טאפ געטאן די שווארצע בלעטער, שרעקענדיג די פינסטערניש.

דאס מיידעל, וואס איז געזעסען לעב'ן שאפער האט א הויכען געשריי געטאן.

איהר געשריי איז געווען פול פחד און אימה...

די לינקע האנד דעם שאפערס האט דערפיהלט דער מיידעלס קאלטע פינגער, וואס האבען זיך אין איהם אײנגעקלעמט — האט זי א קערעווע געטאן דעם רודער, און די פיס זײנע האבען אינסטינקטיוו א דריק געטאן דעם טארמאז.

די שינעס האבען א קרעכץ געטאן, קראצענדיג די שטײנער פון דעם שאסיי.

די מאשין האט זיך אפגעשטעלט, אויסגלאצענדיג די פײערדיגע אויגען אויף די בוימער, און אויף דעם געגענשטאנד, וואס האט זיך געבאמבעלט צווישען זײ אויף די צווייגען — ש

א פערקרימטע פון יסורים, א פערקריפעלטען פנים, וואס האט זיך געהויערט אויף דער שטריק, פערבונדען מיט א קנופ בײם רעכטען אויער!...

די פאליציי־מאכט האט פעסטגעשטעלט די פערזאן פון דעם דערהרג'עטען.

דער אויפגעהאנגענער איז געווען מארקוס קאשטאן, וועלכער איז מיט עטליכע שעה צוריק ארויסגעלאזט געווארען פון דער טורמע.

משמעות, אז די, וואס האבען געוואַרט האבען נישט געוואַרט בחנם!

— — — — — — — —

דער דאזיגער פאקט איז געווען די ערשטע געשעהעניש אין דער מאדנער פינסטערער געשיכטע פון „גוטערמאנס הויז“.

קאפיטעל צוויי

מערי

דאס איז שוין א פעסטגעשטעלטע זאך, אז קיינער קאן נישט אזוי דערשנאפען, אויסצוזאגען, א מענשען, ווי א הינער — זײן באלעבאס!

דער דאזיגער כלל איז גילטיג אויף כל'ערליי דינערשאפט, אנהויבענדיג פון א שטוב־מײדעל, און ענדיגענדיג מיט א פריוואט־סעקרעטאר.

זאגען מוז אבער דא געזאגט ווערען, אז א יוצא מן הכלל איז אין דער הינזיכט געווען דאס פרײלין מערי קאהן, די פערוועגליכע און פולבערעכטיגטע סעקרעטארין פון וואלדעמאר גוטערמאן — ד. ה. פון דעם מענשען, וואס האט אויסגעבויט דאס גוטערמאן־הויז.

פון יענעם טאג אן, וואס זיי ביידע האבען זיך בעגעגענט און פון יענעם טאג, ווי זי האט זיך צוגעוואוינט צו קוקען אין זײנע סוד'פולע אויגען, און מאכען נאטיצען אונטער זײן דיקטאט, האט מערי נישט אנגעהויבען צו פערשטעהען איהר באלעבאס.

בײ דער ערשטער בעגעגעניש האבען זיי זיך געפרובט צו דערגרונטעווען אײנער דעם צווייטען, און גוטערמאן האט פעסטגעשטעלט אײן זאך:

ער האט געהאט פאר זיך א הויך, שלאנק מיידעל מיט ווייכע טונקעלע אויגען, מיט פאליענדיגע טונקעלע האר, א געשיקטע, א קלוגע, אנ'ארענטליכע ווי די שײן פון דער זון; מען קאן אפילו זאגען — א צו ארענטליכע, אנ'אומאפהענגיגע און צו דער זעלבער צייט א בעצויבערנד־ווייבליכע.

מערי איז דערפאר פיל שווערער „אײנצובייסען“ גוטערמאנען: פאר אנדערע אויגען איז גער־שמאנען א שווערע בלײך־פנים'דיגע מאסע, וואס איז בריים געזעסען צושפרייט בײ דעם שרייב־טיש אנגעטאן אין גוטערמאן איז געווען אומגעלומפערט, אהן געשמאק, אבער אויף זײן גוף האט ער משמעות גוט אכטונג געגעבען, ווארום די שווארצע האר זײנע זענען געווען פרעצוי אונטערגעשוירען, און די נעגעל אויף די דיקע פינגער זענען תמיד געווען גלאנצינג מאניקירט. די אויגען זײנע זענען געווען גרוי, מאט און נישט אויסדריקליך. אויף מערין האבען זיי געמאכט דעם אײנדרוק, פון א גרויען שטײן. דער דינער גלײכער מויל האט נאך מעהר אונטערגעשטראכען דעם שטײן־כאראקטער פון פנים.

אזא איז געווען וואלדעמאר גוטערמאן, ווען מערי האט איהם צום ערשטען מאל דערזעהן מיט זײן פינסטערען שמייכעל אויף די דינע בלאסע ליפען.

זי האט איהם קײנמאל נישט געקאנט פערשטעהן.

אפילו נאך זײן טויט האט זי איהם בשום אופן נישט געקאנט תופס זײן.

מערי איז געווען אנגעזעהנער בײם ענטשטעהען פון זײנע גענאלע „פינאנץ־קאמבינאציעס“. זי האט געוואוסט וועגען אלע פלענער זײנע, וועגען די געהיימע כוונות — אבער ער, דער מענש איז געווען מחוץ איהר שכל און אויפפאסונג.

אויב מערי האט נישט געקאנט רעכט פערשטעהן גוטערמאנען, איז אבער געווען אנ'אנדערער מענש, וועלכען זי האט, ווי איהר האט זיך אויסגעוויזען, רעכט פערשטאנען, און וועלכער האט אליין געוואוסט, אז עס זענען דא פערשידענע אופנים פון געגענזייטיגען פערשטעהן זיך.

דער דאזיגער מענש איז געווען לעאן שטיינמאן.

לעאן שטיינמאן איז געווען א שטיקעל געלער, א בערעקטער מיט א סך זומערשפרענקעלעך, א העהערעדיגער געזונטער יונג.

זײנע פעסטע קנאכען און מוסקולען זענען געווען אויסגעוואקסען, גוט־אויסגעקנאטען, און אויף זײן פנים האט תמיד געשײנט א לעבענסלוסטיגער שמייכעל.

בעקאנט האבען זיי זיך אויף א דאנסינג, וואו לעאן איז אליין געקומען.

זייער ערשטע צוזאמענטרעפעניש איז אזוי געווען א צופעליגע.

בײ דער ערשטער קאנטשאפט האט ער זיך אויפגעפיהרט העכסט־קארעקט און אויפמערקזאם.

מערי האט לכתחילה אײנגעזעהן, אז ער איז א קאמשער. געדערשוין, דערנאך האט זי פעסטגעשטעלט, אז הגם ער איז אביסעל א נודניק, איז ער דאך פאר איהר א מין נויטווענדיגקײט אין איהר לעבען.

געענטפערט האט זי צו איהם אזוי:

— לעאן... איך האב אייך אפילו געבעטען בעשלאסען צו בעטען, איהר זאלט נישט אפוואַרטען מיך, ווען איך געה פון דער ארבײט. נאר איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אז איהר זענט אזוי אומפערמיידליך, ווי א מאנטאגדיגער פרייד־מארגען, ד. ה., אז מ'זאל איהם נישט העלפען אפשלעפען און אפלעגען, קומט ער דאך, סוף כל סוף, אן...

— ריכטיג! אזוי איז עס טאקע! קלאר, ווי דער טאג! איך וואלט אייך נאך עפעס געוואלט צוגעבען, נאר איך וויל נישט קיין ליגען זאגען... ס'איז געגען מיין כאראקטער, ווייל איך בין א פשוט'ער ארענטליכער יונג!... געדענקט אבער, מערי, ס'וועט קומען א טאג, ווען איהר וועט דאנקען דעם גורל דערפאר, וואס איהר זענט בעקאנט מיט מיר.

מערי האט א ויפץ געטאן:

— איהר הערט מיר אזוי אפט וועגען דעם, לעאן, אז איינגיכען וועל איך אליין אנהויבען יעדען פרא־זמארגען איבערצוחזרען: „מיט יעדען טאג מיט יעדען מאל ווערט מיר אלץ אנגענעהמער צו ווערן זיך מיט לעאנען“... נאר... איך קאן אויך נישט פערטראגען קיין ליגען און אנשטעל! אלזא, לעאן, לעבען, אפשר וואלט איהר טאקע געקומען אורלויב און אוועקגעפאהרען פונראנען אויף א צייט... ביזו לבינו וואלט איהר זיך געקאנט מיישב זײן, צי ווילט איהר בפירוש אזוי שטארק מיך בעגעגענען יעדען טאג, ווען איך געה ארויס פון גוטערמאנען?

לעאן האט א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ:

— ניין, איך בין אנ'ענערגישער מענש... כל זמן איך שטעל זיך שוין אוועק ערגיץ, וועט מען מיך פון דארט נישט ריהרען בשום אופן נישט!... חוץ מזה פרעג איך אייך א פראגע, צי איז עס א מעגליכע זאך, איך זאל אוועקפאהרען אין אורלויב, און אויפהערען אייך זעהן טאג־טעגליך?.. איך רעכע, איהר פערשטעהט אליין, ווי אזהנערציג אײער פארשלאג איז!

— לעאן, — האט איהם דאס מיידעל שטרענג איבערגעשלאגען — הערט אויף צו רעדען נארישקייטען!

— א דאנק אייך! — לעאן האט זיך קאמיש פערנומען — בײ א מענשען ווערט דאס הארץ צוריסען אויף שטיקער, און זי הערט ארויס אזעלכע ווערטער!! יא, אגב, וואס מאכט עפעס אײער גוטערמאן?

— א דאנק פאר דער פראגע... אזוי — נישקשה! ער איז נאך אלץ דערזעלבער סוד'פולער יונגער, אומפערשטענדליכער, תמיד זיכערער אין זיך!.. איהר ווייסט, לעאן, דער גוטערמאן שרעקט מיך!...

(פארטזעצונג נונטאג)

„לאדזער פראוואקאטארען"

פינסטערע געשטאלטען פון דער לאדזער פערגאנגענהייט

(המשך)

אין דער קאמער איז געווארען א טומעל. סיינ־האט נישט געקענט פערשטעהן צו וואס איך היים מיך עפ׳ס מעלדען צום נאטשאלניק, נישט אנדערש, הא בען זיי זיך געטראכט. זיי איך וועל איבערגעבען דעם אינהאלט פון זייער געשפרעך, צו וועלכען איך האב זיך צוגעהערט אין פערלויף פון א גאנצע שעה.

סאשא מאסקאוו איז מיר צוגעגאנגען און גע־פרעגט:

— צו וואס מעלדעט איהר זיך צום נאטשאלניק.

— דאס איז נישט אייער זאך, האב איך געענטפערט.

— דאס איז קודם־כל אונזער זאך, ברודערל.

און איידער איך האב נאך בעוויזען צו ענטפע־רען, האב איך שוין בעקומען, פון דעם הייכען שטאר־קען סאשא׳ א פעסטען קלאפ איבער׳ן קאפ.

איך וואלט זיך זיכער פערענטפערט פאר די חברים, ארעסטירטע, אבער אין דעם אויגענבליק איז ארייי־נגעקומען דער זשאנדארם און מיך גערופען צום נא־טשאלניק. געהענדיג איבער דעם לאנגען קארידאר האב איך שוין פערגעסען אין דעם אינצידענט אין דער קאמער, כ׳האב ווייטער געטראכט וועגען אנגא וואס איך וועל זאגען דעם נאטשאלניק, נאר װאם איך געה צו איהם, האב איך נאך אליין נישט געוואוסט. איך האב געקעמפט מיט זיך אליין, נישט־וויסענדיג צו־ליב וואס.

אין דער קאנצעלאריע איז, אויסער דעם נאטשאל־ניק, געזעסען נאך א צווייטער מאנספערשוין מיט א פולשטענדיג ליסען קאפ, מיט א לאנגער ארלער־נאז און א קליין־בערדעל פון אזא פנים, אין נישט מעגליך געווען ארויסצולעזען, צי דאס איז א רוס, א יוד, אדער גאר א טערק. גלייך אין ערשטען אויגענ־בליק, האב איך זיך דערשראקען פאר זיינע קליינע, שפיציגע האלב־גרינע אויגען.

ביי אונז אין געשט איינגעפיהרט, האט דער נא־טשאלניק אנגעהויבען, אז מען זאל זיך מעלדען, ווען מען וויל. דאס ערשטע מאל האב איך אייך בעריכ־טיגט, אלזא, אויס מיט לשון !!

— איך וויל, אז אנגא ראבסקא זאל בעפרייט ווערען, האב איך ארויסגעמורמעלט.

— און ווער זענט איהר דאס אזעלכעס, וואס איהר קענט וועלען.

— אבער איהר, הר׳ נאטשאלניק האט דאך מיר עפ׳ס פארגעלעגט, האב איך שוין מעכאניש גערעדט און גלייכצייטיג געפיהלט, אז איך פאל, איך זינק, אז דא איז מיין קבר און וועלכען איך בעגראב זיך אליין לעבעדיגערהייט.

פון דער אנדערער זייט האב איך מיך געפרואווט צו טרייסטען מיט דעם, וואס איך טו א גוטע זאך, איך וועל בעפרייען א רעוואלוציאנערקע, דערצו א שוואכע און ליידענדע פרוי און אויב אפילו צוליב דעם, דארף ליידען א דריטער פערזאן, האב איך מיך אין די גע־דאנקען געפרובט אויסטייטשען, בענגע איך אייך נישט קיין זינד.

דער נאטשאלניק האט מיך אבער ווייטער געפיי־ניגט, געמאכט זיך תמעוואטע און געפרעגט:

— וועגען וואס פאר׳א פארשלאג רעדט איהר? איך דערמאן זיך גארנישט.

איך האב נישט מעהר אויסגעהאלטען און אויס־גערופען:

— איך בין מסכים אייך צו ברענגען דעם אדרעס פון מרדכי רויטער, בתנאי, אז איהר זאלט תיכף־ומיד בעפרייען פרוילין אנגא ראבסקא.

דער ליסער פערשוין, וואס איז די גאנצע צייט געזעסען ווי ס׳וואלט איהם גארנישט אנגעגאנגען, וואס עס טוט זיך אין צימער, איז פלוצלינג אויפ־געלעבט געווארען און זיך אנגערופען:

— מרדכי רויטער, א וואזשנע שישקע, כקען איהם זעהר גוט. איך האב מיט איהם צוזאמען געארבייט אין זשיטאמיר, ער איז „בונדי" און איך ביי די סאציאל־דעמאקראטען, ער איז דארט געווען א „שטשעניאק" (א הינטעל) און דא איז ער א גאנצער קנאקער.

און פון זיינע ווייטערדיגע רייד, האב איך געקענט אויסדרינגען, אז ער קען רויטער׳ן זעהר גוט, ווייסט וועגען איהם זעהר פיל.

הייסט עס, האב איך מיר געטראכט, אז דער פער־שוין איז א פראוואקאטאר און איך אליין פערראטע־טער זיך אויך אין דער נעץ פון פראוואקאציע. איך האב מיך שוין געוואלט צוריקציהען פון גאנצען ענין, ס׳איז אבער שוין געווען א ביסעל צו שפעט.

דער נאטשאלניק האט אנגעקלונגען. ס׳איז אריינ־געקומען א זשאנדארם, וועלכער האט מיך אפגעגע־בען אלע נאמען, וואס מ׳האט ביי מיר אפגענומען בעת׳ן ארעסט.

— איהר קענט געהען, האט דער נאטשאלניק גע־זאגט, אבער איבערמארגען 10 א זייגער אינדערפריה דארפט איהר זיך שטעלען ביי מיר אין קאנצעלאריע.

איך בין אויס אין גאס, וואו כ׳זאל געהן, האב איך נישט געוואוסט. איך בין געגאנגען גלייכגילטיג, מען איך צוה אפ א מינוט נאך א מינוט, כדי נישט צו מאכען קיין פערברעכערישען שריט. כ׳האב בע־שלאסען זיך נישט צו ווייזען פאר קיינעם, אז מען זאל וויסען, אז איך בין אויף דער פריי און דערפרי זיך נישט אפגעבען קיין דין וחשבון פאר׳וואס. איינס איז שוין ביי מיר געווען זיכער, איך בין א פראוואקאטאר.

י. דאן.

(המשך קומט)

שרייענדע נויט צווישען יודישע אפגעקומענע אין צענטער פון שטאט

נעכטיגע פאבריקאנטען און געוועזענע רייכע סוחרים קומען איצט אן צו בעטעל-ברויט

5.

אין דעה וועלבער צייט פערקלענערט זיך כסדר די צאהל פון די מענשען, וועלכע זענען ביכולת צו געבען. איבעריגענס, זענען פעראן צווישען די גע־הערט נישט וועניג אויך אזעלכע, וועלכע געפינען זיך אין אזא געדריקטער לאגע, אז זיי וואלטען אליי־געטליך אליין געדארפט געהמען אונטערשטיצונג גאנץ אפט ווייסען וועגען דעם די זאמלער און זיי בעמיהען זיך דעריבער די הערמאהנטע געקוועלטע מענשען אויסצומיידען.

נישט איינמאל, דאס שוין געטראפען, אז אזא שכן, געוואוירוועהענדיג וועגען דער בעטאנגענער נעגען איהם „עוולה" בעפאלט שפעטער די זאמלער מיט פרעטענזיעס און אפילו מיט זידלערייען, הלמאי, מ׳האט איהם פערשעהמט און נישט בענומען אויך פון איהם א נדבה.

ס׳טרעפט אבער אויך אמאל פערקעהרט, אז דווקא פערמעגליכע שכנים ענטזאגען זיך צו גע־בען די זאמלער נדבות און ווארפען זיך נאך אויף זיי מיט בעליידיגונגען און שימפעריין.

רעסטנגלייכען דארף אויך בעמערקט ווערען, אז נישט אלע נויטליידענדע משפחות ווילען אויס־שטרעקען א האנד אפילו נאך אזא שטילע און בכבוד׳יגע שטיצע, ווי עס קומט מצד די שכנים פון הויז. ס׳טרעפט זאגאר און גאר נישט זעלטען, אז הונגעריגע פאמיליעס שיקען צוריק די צו זיי אריינגעשיקטע שטיצע.

און עס איז גאר קיין וואונדער נישט: ס׳זענען דאך פיל פון די דאזיגע געפאלענע מענשען געווען ביז ערשט נישט לאנג צוריק אנגעזעהענע פאבריקאנטען. געהאט ריזיגע געשעפטען און היי־זער און געפיהרט און געוואוינט געווען צו פיהרען א רייך און ברייט־לעבען.

קאנען זיי דעריבער נאך אלץ נישט שלום מאכען מיט׳ן געראנק, אז דאס „רעדעל" האט זיך איבערגעדרעהט און, אז זיי מוזען ראטעווען זיך מיט זייערע ווייבער און קינדער פון א הונגערי־טויט, זאל עס זיין אפילו דורך בעטעל־ברויט.

מיט אלע כוחות בעמיהען זיי זיך נישט צו דערלאזען די בידע ארויסצוועצען זיך אויף זייערע פנימ׳ער, הלבשה און שטיבליכע פאלעפאטישקייט: אויף דער גאס געהט מען ארויס פיין פערקעמט מיט אויסגעפוצטע שיך, און זויבערע געפרעסטע מלבושים. די וואוינונגען זענען תמיד אויפגערוימט און אויסגעצירט, די קיך בעזעצט מיט אלערליי טעפ און טעפלעך; מיט די שכנ׳טעס רעדט מען, כסדר וועגען קליידער־מאדעס און מאכלים; יעדע מאנט הופט מען דאך די פענסטער די קינדער דא אויף מיטאג, דא אויף פעסבער אדער מ׳זאלט זיי אין איין פרעגען, צי זיי װילען דאס, יענץ אדער עפעס אנדערש.

פערשטעהט זיך, אז דאס זענען אלס פשוט׳ע „טשאקעריען", מיט וועלכע זיי זענען נאר אויסען צו דערהאלטען זייער מורא׳דיגען דלות פאר לייד־טענס אויגען.

ווי געשיקט אזא שכן זאל נישט פערשמירען זיין קבצנ׳ישקייט, בעמערקט עס אבער פארט דער „הויז־קאמיטעט" און ער וועגט אן, אין אזעלכע פאלען, די פערשידענארטיגסטע טריקען, בכדי אזא אפגעקומענע נויט־לייחענדע משפחה, זאל מסכים זיין צוצונעהמען די צוגעשיקטע איהם הילף.

פונקטעטווענען זענען פעראן גענוג משר־פחות, וועלכע בארען זיך ממש אין אנגסטען־און ליידען אפילו הונגער, נאר זיי פיהרען אפער אזא פערשלאסען לעבען, אז וועגען זייערע צרות קאן זיך קיינער נישט דערוויסען און נאגאנץ אפט גילטען זיי נאך צווישען די הויזשכנים פאר וואוילהאבענדע און וואר פערמעגליכע מענשען.

אלץ וועגען וואס מיר האבען ביז אהער גערעדט האט אַ שייכות נאר צו קאלעקטיווע הילף און אויך נאר פאר די מענשען, וועלכע דער קריזיס האט צוגעפיהרט צום לעצטען שטאפעל פון ארימקייט — צו הונגער. ס׳זענען אבער פעראן א סך אפגע־קומענע פאמיליעס, וועלכע דער קריזיס האט צו א טשטאנד פון הונגער נאך נישט דערפיהרט, הגם זיי געפינען זיך אין אנאנדערן שווערען נויט־פאל. און דא מוז נאכאמאל פעסטגעשטעלט ווערען, אז אזא הילף ווערט מייסטענטיילס ערטיילט אין די חסידים־שטיבלעך. אונז זענען בעקאנט גענוג פאַ־לען, ווען פאר טעכטער פון אפגעקומענע בכבוד׳יגע מתפללים זענען געזאמעלט געווארען נדנים און אויף אלע איבעריגע חתונה־הצטרכות׳ן. ווען בכבוד׳יגע מתפללים זענען אוועקגעשיקט געווארען אויף קוראציע און די בעדער. אדער ס׳איז פאר זיי געדונגען געווארען א זומער־וואוינונג, וואו זיי זאלען אויסגערוהט צוזאמען מיט זייער משפחה.

אויפ׳ן חשבון פון שטיבעל. א דריטע העם איז א סך שטיבלעך פעראן א גמילות־חסדים־קאסע, וואו די געקוועלטע מתפללים בעקומען צו יעדער צייט אנגעהפראצענטיגע הלוואה.

די דאזיגע „גמילות־חסדים"־קאסעס האבען שוין נישט איין בכבוד׳יגען יודען צוריקגעשטעלט אויף די פיס און אזוי ארום אפגעראטעוועט פון בעטעל־ברויט, אדער אפשר נאר זעלבסטמארד.

אקראנץ=פערל

פון תלמוד און מדרש

דאס, וואס דער חולה אליין טוט תפילה פאר זיך, איז פיל מעהר, ווי וואס אנדערע טוען תפילה פאר איהם

[ב״ר פ״נ]

* * *

ישראל בעפערט נישט אוים זיינע מעשים, נאר אז עס קומט אויף איהם יסורים. [מנחות נ״ג]

* * *

די יודען צעהלען זייערע חדשים און ימים־טובים נאך דער לבנה, און אומות העולם נאך דער זון. [סוכה כ״ט]

* * *

זאלען דברי תורה פערפרענט ווערען, איידער זיי זאלען איבערגעגעבען ווערען צו־ווייבער

[ירושלמי סוטה, פ״ג]

* * *

צו דערצעהלען א גאנצען טאג פערשידענע מע־שי׳ות וועט ער גאר נישט איינמאטערן, נאר א ווייי־לינגס צו דאווענען וועט ער גלייך מיד און פערמא־טערט [אס״ך פ״ג]

* * *

בעסער יונג און ארים, אבער קלוג,
איידער א מלך א זקן, גאר א נאר
וואס האט פון זיין גאנצער לאנגער דערפאהרונג גארנישט געלערנט.
דער ערשטער קאן ארויס פון קנעכטשאפט אין געפאנגשאפט
און דערשלאגען זיך צו א קעניגליכען שטוהל.
דער צווייטער מעג זיין געבוירען אין קעניגליכע פאלאצען
און דאך זיין עלענד און אומגליקליך
[קהלת ד. י״ג]

* * *

וואס פאר׳ א טאכטער אזא מוטער ; וואס פאר א מוטער אזא טאכטער ; וואס פאר׳ א הדור אזא מנהיג ; וואס פאר׳ א מנהיג אזא הדור.

[ירושל׳ סנהדרין פ״ב]

* * *

האלט ערהליך דיין טאטען און דיין מאמען, אפי׳ לו אויב דו געהסט איבער די הייזער

[ירושל׳ פאה, פ״א]

* * *

אויב דו מוזט שלאגען א קינד, זאלסטו איהם נאר שלאגען מיט א שנירעל פון א שיך. דו זאלסט איהם צופיל נישט שטראפען און נישט אפשטויסען פון זיך, ווייל נאר דורך גוטע רייד וועט ער זיך אויס־בעסערען. [ב״ב כ״א]

* * *

אז מיר זענען פאר קליין געווען האבען מיר זיך געהאלטען פאר גרויסע, איצט, אז מיר זענען שוין אלט האלט מען אונז פאר קינדער [ב״ב צ״ב]

* * *

כהנים זענען האסטיגע [ערובין פ״ג]

געזאמעלט דורך אברהם שלעזינגער.

היינט און פאלגענדע טעג!
רעדענדיגער קלאנג=פילם א. נ

„די עבירה פאר דער חתונה"

אין די הויפטראלן:

LAURA LA PLANTE i JOHN BOLES.

אויסער׳ן פראגראם:
א פרעהליכע קלאדענג-קאמיע:
„פיעטרעק א נאפט-סוחר"
אנהויב אין געוו. טעג 5 נ״מ, שבת און זונטאג 2 נ״מ

וויכטיג פאר לעטניקעס!!

די ערשטע לאדזער גוט בעקאנטע

פאבריק פון פאטענטירטע פעלד-בעטען

מאכט בעקאנט, אז צוליב׳ן קריזיס האבען מיר פערקלענערט די פרייזען פון אונזער אויסארבייטונגען

ווי: פעלד=בעטען, פעלד=בעטען מיט ווענטלעך, לעזשאקעס
טאבארעטקעס און האמאקעס

אונזערע פעלד-בעטען זענען פערזעהן מיט דער שוץ-מארקע „Palma-Patent",
פאר וועלכע מיר גאראנטירען אויף פיל יאהרען.

אכטונג: פאדערט איבעראל פעלד-בעטען נור מיט דער מארקע „Palma - Patent"



מיט אכטונג
פירמע „PALMA-PATENT"
אינה. שווארצאווסקי
פולנאצנא 24, טל. 131-85

בעמערקונג: פאר פראווינץ - בעדייטענדע ראבאטען.

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

נייער פאלקסבלאט

פרייטאג 8 יד אב תר"ץ

אויגוסט
זון-אויפגאנג 3.56
זון-אונטערגאנג 7.28
ליכט צינדען: 6.55

פראלאנגאציעס און באנקראטען

טעגליכע כראניק פון האנדעלס-געריכט

אין יוני 1929 י. האט די פירמע „גראסבארט, היימא, און קאמפ." זיך געווענדעט אין געריכט וועגען פראלאנגירען איהר די צאהלונגען, די אינהאבער פון דער פירמע אברהם גראסבארט און מארקוס היימא, האבען געגרינדעט די פירמע אין 1910 י. אלס פארבערייע און אפרעטור. אין 1914 י. איז מארקוס היימא געשטארבען און זיינע רעכט זענען איבערגעגאנגען צו זיינע יורשים, וועלכע האבען נאכ'ן קריג צוזאמען מיט גראסבארט'ן בעגייט די טעטיגקייט פון דער פירמע. פון יאהר 1928 האט די פירמע געפיהרט א לעבעדיגע טעטיגקייט. בעפרייט דעם אומבעוועגליכען גוט, וואס ס'האט זיך געפונען די פארבערייע פון היפאטעק חובות און געמאכט פערשידענע אינוועסטיציעס, אבער צוליב'ן קריזיס איז די פירמע געקומען צו שוועריגקייטען איהר פליסיגער קאפיטאל האט זיך פערקלענערט. דער פערלאנג שליסט זיך מיט דער סומע פון 490 טויזענד זל.

דאס געריכט האט דער פירמע ערטיילט א פראלאנגאציע פון די צאהלונגען אויף 3 חדשים און האט די פראלאנגאציע דה ייטאל פערלענגערט. איצט אויף דער לעצטער סעסיע פון האנדעלס-געריכט איז די פראלאנגאציע אפגעשאפט געווארען.

* * *

פעליקס קראנהיים, אינהאבער פון לעדער-געשעפט אויף נאוואמיעיסקא 2, איז דעם 1. יולי ערקלערט געווארען פאר באנקראט פון 14-טען אוג. ה. י. און ער איז בעשטימט געווארען אונטער פאליציי-אויפזיכט, אבער שפעטער האט דאס געריכט פעסטגעשטעלט אז די קרעדיטארען האבען גענויערט צו ערקלערען די פירמע פאר באנקראט צוליב א טעות און די פראטעסטירטע וועקסלען, וועלכע זיי האבען צוגעשטעלט זענען בעצאהלט געווארען אדער פראלאנגירט געווארען. דאס געריכט האט דעם באנקראט אפגעשאפט.

מ'וויל פערקלענערן דעם בוי-קרעדיט פארן מאגיסטראט אויף א מיליאן זלאטעס

וויצע פרעזידענט וועלינסקי אינטערוועניערט אין פינאנץ מיניסטעריום

(2) היינטיגעס יאהר האט דער קאמיטעט פער נאנדרעבוי... די שטאט בעקומען צו פערטיילען 6.700,000 זל. הלוואות אויף בויען נייע הייזער. דער קאמיטעט האט פון דעם אויסגעטיילט פארן מאגיסטראט אויף אויסצובויען וויטערדיגע 12 הייזער אויף דער קאנסטאנטינער כאלעס, 3 מיליאן 560,000 זל. און די איבריגע קרעדיטען בעשטימט פאר פריוואטע בוי-אונטערנעהמער.

די פערטיילונג איז בעשטעטיגט געווארען דורך דער וואיעוואדשאפט און דער מאגיסטראט האט אויסגעשריבען קאנקורסען אויף אויסצובויען די וויטערדיגע 12 הייזער אויף כאלעס.

די פריוואטע בוי-אונטערנעהמער, וועלכע האבען קיין קרעדיטען נישט בעקומען האבען אינטערוועניערט אין ווארשא אין די באנק גאספאדארסטווא קראיאוועגא האט פון ווארשא פעראָרדענט נישט אויסצוצאהלען דעם מאגיסטראט די לעצטע תלוואה פון 1 מיליאן זל.

אין צוזאמענהאנג דערמיט האט דער וויצע-פרעזידענט ד"ר וועלינסקי געכטען געוויילט אין ווארשא און האט אפגעהאלטען א קאנפערענץ אין פינאנץ-מיניסטעריום. ד"ר וועלינסקי האט אנגעוויזען, אז די מלוכה'שע בוי-קרעדיטען האבען אלס ציל צו שטילען דעם דירות-הונגער און דאס דערגרייכען די פריוואטע בוי-אונטערנעהמער נישט. ווייל זיי זענען אויסגערעכענט אויף ריווח, פערלאנגען אפטרעט-געלד, בויען גרויסע דירות; ווייטער האט ער אנגעוויזען, אז די פריוואטע בוי-אונטערנעהמער זענען אנגעשריבען אין ווערען שרעדער טען בלויז אויף 5—7 פראצענט, בעת דער מאגיסטראט האט אויף פאלעס זיינע הייזער שוין דערפיהרט אין רוהדבוי פון צום דאך מיט די 3.560,000 זל. וועט דער מאגיסטראט קענען אויסענדיגען אויף פריהלינג ביז 600 וואוינונגען, דאגעגען וועלען די פריוואטע בוי-אונטערנעהמער מיט דעם געלד דערגרייכען א בעדייטענד קלענערען עפעקט.

די פארשטעהער פון מיניסטעריום האבען צוגעזאגט דעם ענין אויסצופארשען און ערלעדיגען איהם גינסטיג לטובת דעם מאגיסטראט.

אנפאלען אויף יודישע הענדלער אין פויזנער קאנט

אונטער דער אנפיהרונג פון א שאפער בעפאלען כוליגאנעם יודישע הענדלער אויף די מערק און פאדערען פון זיי געלד

צו אונז אין רעדאקציע זענען אריינגעקומען עטליכע יונגעלייט און דערצעהלט פאלגענדעס: רינגסטאג, ביינאכט ארום 1 א זייגער, ווען יודישע הענדלער זענען אנגעקומען אויפ'ן מארק אין וויקטאווא, גניעזשנער קרייז, האבען זיי אויפ'ן מארק אפגעווארט עטליכע קריסטליכע יונגעלייט מיט וועלכע ס'האט אנגעפיהרט א געוויסער וואשעטשאווסקי, א שאפער וועלכער פלעגט אפט פיהרען די יודישע סוחרים אין זיין אויטא. דער דאזיגער וואשעטשאווסקי איז צוגעקומען צו א געוויסען חיים כמעלניק, א שניידער פון קאלא און האט ביי איהם געפאדערט 50 זל. „אויף א קיך". ווען כמעלניק האט איהם ערקלערט אז ער האט קיין געלד נישט, האבען איהם וואשעטשאווסקי און חברים מכבד געווען מיט שטעקענס. כמעלניק האט אנגעהויבען שרייען, עפעס א קריסט האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף און האט דורכ'ן פענסטער אויסגעשפרט די שלעגער. אבער ווען עס איז אנגעקומען די צווייטע פארה מיט יודען האבען די שלעגער ווייטער געפיהרט זייער ארבייט. זיי זענען בעפאלען משה פראכט און צושלאגען איהם מיט דרענגער. די אנגעקומענע יודען זענען דאן אוועקגעלאפען אויפ'ן פאליציי-פאסטערונעק, דאס מען האט דעם פאליציאנט נישט געטראפען און מ'איז נאך איהם געלאפען 3 קילאמעטער ווייט אויף זיין פריוואט-וואוינונג. ווען דער פאליציאנט איז אנגעקומען ענדליך איז א פאר שעה ארום האט ער אליין זיך קיין עצה נישט געקענט געבען און האט ארויסגערופען הילף פון גניעזנא. ערשט ווען ס'זענען אנגעקומען עטליכע פאליציאנטען האט מען „בערוהיגט" די פאר כוליגאנעם.

דערווייל זענען צושלאגען געווארען: חיים כמעלניק (קאלא), משה פראכט (קאנין), הערשעל גראדבוס, ... לישפאק פון סלופצי, יודעל ראזום (קאלא), הענעך צינלער פון קאלא אברהם גאלאמב און אנד.

די פאליציי האט צוזאמענגעשטעלט א פראטאקאל און די שלעגערס פערטריבען.

געפונען א דערטרונקענעם יוד

א דאנק „חסד של אמת" דערגאנגען ווער דער דערטרונקענער איז

(2) מיטוואך אין אווענד האט א אינוואוינער פון דארף נאספאראוש הינטער לאדז בעמערקט אויפ'ן ברעג פון טייך, עפעס א טונקעלען געגענשטאנד. ווען ער איז צוגעגאנגען נעהנטער האט ער בעמערקט, אז דאס איז א טויטער קערפער. מען האט באלד וועגען דעם מיטגעטיילט דער פאליציי, וועלכע האט ארויסגעשיקט עטליכע בעאמטע פון אויספארשונגס-אמט, ארומצופיהרען די אויספארשונג.

צוויי פישער האבען דעם קערפער ארויסגעצויגען פון טייך און דאן איז פעסטגעשטעלט געווארען, אז דער דערטרונקענער איז א געוויסער יוד, אנגעטאן אין יודישע מלבושים מיט א יודיש היטעל. ביים טויטען האט מען נישט געפונען קיין שום דאקומענטען. אין איין טאש האט מען ביים טויטען געפונען א בילעט פון די לאדזער טראמוואיען. דער דאזיגער בילעט איז אויסגעקויפט געווארען דאנערשטאג דעם 31. יולי פארמיטאג אויפ'ן טראמוואי נומער 11. דאס געוויכט און די הענט ביים טויטען זענען צוקלאפט. דאס זאל זיין, אדער פון די פיש און הוקעס און וואסער, אדער דאס זענען סימנים פון קאמף, וועלכער דער טויטער האט אדורכגעפיהרט, איידער מען האט אויף איהם אויסגעפיהרט א רוצח - אנפאל.

דער קערפער איז אפגעפיהרט געווארען אין ושנאווער מתים-שטיבעל. ווער ס'זוכט א פערלוירענעם, דארף אראפקומען אין ושנאוו און אנקוקען דעם טויטען. די אויספארשונג פיהרט דער אויספארשונגס-ריכטער ה' נאטקעס (טעלעפאן 10612) און פראקוראר קאוואלסקי (טעל. 12067).

* * *

(—) וועגען דעם פארפאל האט מען מיטגעטיילט „חסד של אמת" אין לאדז, 2 פערוואלטונגס-מיטגלידער זענען באלד אראפגעפאהרען אהין און לויט די סימנים וואס זיי האבען געזעהן, האבען זיי זיך אנגעשטויסען, אז דאס איז דער יוד 'זאלאמעק, וואס וועגען וועמענס פערשוואונדען זוכט דער זוהן, וועגען וואס מיר האבען געמאלדען אין „נייעם פאלקסבלאט".

זיי האבען באלד געשיקט נאכ'ן זוהן, קיין לאדז און ווען ער איז אנגעקומען, האט ער פעסטגעשטעלט אז דער דערטרונקענער איז טאקי זיין פאטער.

„חסד של אמת" ערלעדיגט אלע פארמאליטעטען און היינט וועט פארקומען די קבורה.

פערברענט געווארען א מענש אין א שייער

אנשטאט צו ראטעווען דעם זוהן, ראטעוועט די מוטער דאס בעטגעוואנט

היגטער גלאווגא געפינט זיך א דארף פאלעניע. דאס וואוינען פיל לעטניקעס. מיט א צוויי וואכען צוריק איז ביי א דארטיגען פויער פראסנאווסקי אויסגעבראכען א שרפה דאס איז געשעהען ביינאכט אבער די ארומיגע שכנים האבען זיך געוואלדעט לעשען און מיט איגענע מיטלען די שרפה איינגעלאשען. ס'האט אפגעברענט דער בלויזער דאך פון הויז.

מיטוואך פארטאג איז ביים זעלבען פויער אויסגעבראכען א שרפה אין שייער, דאס מאל איז די שרפה שוין געווען א גרעסערע און מיט א טראגישען אויסגאנג: ס'האט אפגעברענט דער שייער און ס'איז פערברענט געווארען א מענש.

ביי די פראסנאווסקיס איז געווען א זוהן פון א יאהר עטליכע און פערציג און געווען נארמאלער און אן עפילעפטיקער. דער דאזיגער קראנקער פלעגט אין געשלאפען אין שייער. פארטאג ווען די מוטער האט דערזעהן, אז פונ'ם שייער שלאגט ארויס א געדיכטער רויך און אז די ארויסגאנג איז שייער ארויסגעטראגען פון דארט דאס בעטגעוואנט און אנדערע רעכטס און ווער מאג אוועק איבערלאזענדיג דארט דעם זוהן פ'אנצישעק. דער שייער איז פערברענט געווארען און פון פ'אנצישעק'ן האט מען געפונען א בלויזע קוהל.

פאליציי פיהרט אן אויספארשונג. מ'איז חושד, אז די שרפה איז ענטשטאנען פון אנאלט'ערצינדונג וועלכע איז אויסגעפיהרט געווארען כדי פטור צו ווערען פונ'ם קראנקען פראנצישעק.

צירק AMARANT צירק
ul. קאשטשושקי 75
לעצטע 4 טעג! נייער פראגראם! סענסאציע
אריגינעלע PAT i PATACHON אין צירק.
אויסערדעם גרויסער פראגראם 25 אטראקציעס
היינט - 8,15, שבת און זונטאג לעצטע
2 פארשטעלונגען, 4 נאכמ. און 8,15 אווענט

געפונען א געהאנגענעם זקן

(א) נעכטען ביינאכט האט די פאליציי געפונען אויפ'ן פעלד אין פאבזשטשיצע הענגענדיג אויף א בוים א קערפער פון א זקן, וואס זעהט אויס אלט צו זיין א 60—70 יאהר. דער קערפער האט זיך שוין אנגעהויבען פונאנדערפאלען.

קיינער פון דער אומגעגענד האט דעם טויטען נישט געקענט דערקענען. דערווייל וויסט מען נישט צי דאס איז א זעלבסטמערדער, צי א געמארדעטער. ביים טויטען האט מען נישט געפונען קיין שום כתבים און דאקומענטען.

רעגיסטראציע פון ארבייטסלאזע אויף דרינגענדע רעגירונגס-הילף

דער מאגיסטראט איז מודיע, אז מאנטאג, דעם 4-טען אויגוסט האט זיך אנגעהויבען די רעגיסטראציע אויף דרינגענדע רעגירונגס-הילף פאר'ן חודש יולי ה.י. פון די ארבייטסלאזע, וועלכע האבען בעקומען דרינגענדע הילף פאר'ן חודש יוני. פון דער קאסע פון אונטערשטיצונגס-אמט פאר ארבייטסלאזע, אויך וועלכע האבען אויסגעשעפט אלע ראטעס פון דער געזעצליכער שטיצע פון ארבייטסלאזען פאנד אין חודש יוני, און וואוינען אויפ'ן שטח פון דער לאדזער גמינע.

צו דער דאזיגער רעגירונגס-שטיצע האבען נאר רעכט ארבייטסלאזע, וועלכע האבען אויסצוהאלטען פאמיליעס.

איינזאמע און פערהייראטע אהן קינדער, האבען נישט קיין רעכט אויף דער דרינגענדער שטיצע.

ארבייטסלאזע, אין וועמענס פאמיליע, וועלכע וואוינען מיט זיי צוזאמען, אדער פיהרען צוזאמען א ווירטשאפט, איז כאטש איין פערזאן בעשעפטיגט ביי ארבייט, אדער בעקומט וועלכע עס איז שטיצע — האבען אויך נישט קיין רעכט צו דער שטיצע.

די רעגיסטראציע קומט פאר אויף וואלטשאנסקא 261 פון 9 פריה ביז 2 מיטאג-צייט, לויט פאלגענדע סדר:

פרייטאג דעם 8 אויגוסט — PRS

שבת דעם 9 אויגוסט — TUWZŹ

רעזערוויסטען-איבונגען

ווער דארף זיך היינט צושטעלען?

מארגען דארפען זיך שטעלען אין לאקאל פון פ.ק.א. נאוואטארגאווא 18, די רעזערוויסטען פון פערבינדונגס-מיליטער פון די יאהרגענג 1899, 1901, 1902, 1904 און 1905, וועלכע וואוינען אויפ'ן שטח פון דעם 2, 3, 6, 8, 9 און 11. קאמיסאריאט. אויך די אונטער-אפיצירען פון ארטילעריע און די רעזערוויסטען פון דער ארטילעריע יאהרגאנג 1904, וועלכע וואוינען אין שטח פון די איבערערמאהנטע קאמיסאריאטען דארפען זיך שטעלען צו די איבונגען.

אלע אויבען אויסגערעכענטע מוזען קומען אין פ.ק.א. 8 א זייגער פריה און מיטברענגען מיט זיך די מיליטערישע דאקומענטען.

דייטשער קאנסולאט וועט מאנטאג זיין געשלאסען

פון דייטשען קאנסולאט בעט מען אונז מיטצוטיילען, אז דאס ביורא און די פעסער-אפטיילונג ביים קאנסולאט, וועלען מאנטאג זיין געשלאסען, ווייל אין דעם טאג ווערט געפייערט דער יאהרטאג פון דער דייטשער קאנסטיטוציע.

דיין מוז זיין!

(מ) דער מאגיסטראט טיילט מיט, אז לויט'ן מאגיסטראט רעגולאמין, וואס איז פערפליכטענד פאר לאדז, מעג מען די אומרייניקייטען ארויספיהרען פון 23 א זייגער ביינאכט ביז 6 אינדערפריה. אויב אימיצער איז עובר אויף דער פעראָרדנונג, דארף מען וועגען דעם מיטטיילען דעם נאענטסטען פאליציאנט, וועלכער וועט צוזאמענשטעלען א פראטאקאל.

א פאליטישער פראצעס

(2) אויף דער בעזירקס-געריכט אין קרייז געריכט איז געטעסטען געוועסען דער 18-יעהריגער משה מענדעל קארמאן, בעשולדיגט אין געהערען צו דער קאמוניסטישער יוגענד און אין אנטי-מלוכה'שער טעטיגקייט.

קארמאן איז ארעסטירט געווארען דעם 8. מערץ, ווען ער איז געגאנגען מיט א געוויסער פנארא ... (20), וועלכע איז געווען בעקאנט דער פאליציי. ביי קארמאן האט מען דעמאלט געפונען א פרישע פלאקאט מיט קאמוניסטישע לאזונגען.

דאס געריכט האט פערמשפט ... אויף א תפיסה מיט 6 חדשים פעסטונג.

אפטייקען

די היינטיגע נאכט-דיזשורען

(2) עפשטיין (פיעטריקאווער 225), בארטאשעוויטש (פיעטרקאווער 95), ראזענבלום (ציגעלנאם 12), גארפיין (וואלטשאנסקא 54) און קאפראווסקי (נאוואמיעסקא 15).

מלוכה=פרעזידענט דאנקט דעם גענ. מאלאכאווסקי

דער לייטער פון ד. א. ק. גענעראל מאלאכאווסקי, האט בעקומען א בריף פון שעף פון מיליטערישען קאבינעט פולקאווניק גלאגאווסקי אין וועלכען ער מיילט מיט, אז דער מלוכה-פרעזידענט האט אויסגעדריקט זיין דאנק דעם גענעראל מאלאכאווסקי און די אלע וואס האבען מיטגעווירקט ביי דער ארגאניזאציע פון פעסטיב פון דער פוילישער ערציהונג, וואס איז איינגעארדענט געווארען אין ספאלא ד. 6 גיבעטען און 8-טען יוני.

גענעראל מאלאכאווסקי האט אין צוזאמענהאנג דערמיט ארויסגעגעבען א בעפעהל אין וועלכען ער שטעלט פעסט, אז די מיליטערישע פארבערייטונג אין ראמאן פון ד. א. ק. האט בעקומען דעם העכסטען כבוד — די אנערקענונג פונ'ם מלוכה-פרעזידענט, ווער כער האט געדאנקט די אנטיילנעהמער אי'נם ספאלער ייט און פעסטגעשטעלט די ששאטקע ענטוויקלונג פון די אנטיילנעמער.

ספעציעלע צוויי עקזעקוציע-אמטען

וועלען זיך אויסשליסליך בעשעפטיגען מיט איינמאהנען שטייערען

„5-גראשען-בלאט“ מיילט מיט:

(—) דאס פינאנץ-מיניסטעריום האט ארויסגעגעבען א פעראָרדנונג וועגען ראדיקאלער ענדערונג און אופן פון איינמאהנען שט...

ביז איצט פלעגען זיך דערמיט ...מאל בעשעפטיגען די געהעריגע פינאנץ-אמטען. איצט וועלען די ראיאנע ארבייטען אויספיהרען ספעציעלע עקזעקוציע-אמטען.

אין לאדז וועלען געעפענט ווערען צוויי אזעלכע אמטען: אין לאקאל פון דער פינאנץ-קאסע אויף אלעי קאשטשושקי און ביי דער קאסע אויף אנראַ-דאווע גאַס. אט די צוויי ביוראס וועלען זיך איינטיילען מיט דער גאנצער ארבייט פון איינמאהנען שטייערען. די אמטען וועלען אנהייבען פונקציאָנירען פון 15. אויגוסט אן.

ביז צו דעם ראיאנען טערמין וועלען אלע פינאנץ אמטען צושטעלען די דערמאנטע צוויי ביוראס אלע מאטעריאלען, וואס זענען נויטיג שטייער-איינמאהנונגען, און די 15-טע אויגוסט וועלען די אמטען צוטרעטען אויספיהרען די עקזעקוציעס.

דאס פינאנץ-מיניסטעריום האט די נייעס איינגעפיהרט, כדי לייכטער צו מאכען דאס אויסמעסטען און איינמאהנען די שטייערען.

אין די לאדזער סוחרישע קרייזען איז מען זעהר נישט צופרידען מיט דער ראדיקאלער רעפארם. די סוחרים מיינען, אז די נייע אמטען, וועלכע וועלען האבען איינצומאהנען שטייערען ביי צעהנדליגער טויזענדער שטייער-צאהלער, וועלען נישט קאנען אינדיווידועל בעהאנדלען יעדען צאהלער און נישט בעהעריג אפשאצען די צאהלונגס-מעגליכקייט פון די בעזונדערע בירגער.

די סוחרישע ארגאניזאציעס וועלען מענען דעם ענין דערלאנגען א מעמאריאל אין פינאנץ-מיניסטעריום.

5 יאהר שווערע תפיסה

פאר מאכען פאלשע מטבעות

(2) אין קרייזגעריכט איז נעכטען פארגעקומען דער פראצעס געגען דעם 23-יעהריגען יאן יאסטשעמסקי, בעשולדיגט אין פאבריצירען פאלשע 1 און 2 זלאטע מטבעות.

בעת א רעוויזיע ביי יאסטשעמסקין אין וואוינונג אויף זיבעלסקא 12 האט מען בשעת געפינען פערשידענע מכשירים צו פאבריצירען די פאלשע מטבעות, אויך שוין פערטיגע פאלשע מטבעות.

דער בעשולדיגטער האט אויפ'ן פראצעס ערקלערט, אז ער איז בשעת אפגעזעסען א שטראָף אין קענטשיצער טורמע פאר א גנבה, זיינע טורמע חברים האבען איהם אויסגעלערנט די קונסט פון פעלשען געלד. ווען ער איז ארויס פון טורמע און נישט געקענט געפינען קיין ארבייט, האט ער זיך גענומען צו דער נייער פרנסה: מאכען פאלשע געלד. דאס געריכט האט פערמשפט יאסטשעמבסקי אויף 5 יאהר שווערער תפיסה.

פאלט ארויס פון 2=טען שטאק

און ווערט אויפ'ן ארט דערהרגעט

(2) נעכטען ארום 9 א זייגער אינאווענד איז פארגעקומען אין א שיכורן צושטאנד דער 49-יעהריגער יליאן קושיושאנאווסקי פון זשעראמסקי גאס 49.

אווי ווי איהם איז געווען רושנע אין שטוב, איז ער צוגעגאנגען צום פענסטער אין צווייטען שטאק און עם אויפגעעפענט. דערביי האט ער געמאכט אזא אומגליקליכע בעוועגונג אז ער איז ארויסגעפאלען פון פענסטער אויפ'ן הויף. קושיושאנאווסקי איז אויפ'ן ארט דערהרגעט געווארען.

קאנסטאנטינער בירגערמייסטער פערשווענדעט רעגירונגס=געלט

(2) א ייערנעכטען איז אין קאנסטאנטין פארגעקומען די ערשטע זיצונג פונ'ם נייעם מאגיסטראט. אויף דער זיצונג איז בעטראכט געווארען דער פראטאקאל פון דער לוסטראציע-קאמיסיע. וועגען דעם ראיאָן פראטאקאל האט זיך דער מאגיסטראט דער-וואוסט ערשט ווען די סטאראסטווע האט פערלאנגט א תשובה אויף איהם. דער פריהערדיגער בירגערמייסטער האט וועגען איהם בכלל נישט געמאלדען. דער לוסטראציע-פראטאקאל שטעלט פעסט, אז עס זענען אויסגעצאהלט געווארען נישט קיין בעשטעטיגטע פאציטעס, און אז דער מאגיסטראט האט פערנומען פון די איינגעקאסירטע מלוכה-שטייערען 45.000 זל. דער מאגיסטראט האט בעשלאסען פון די איינגעקאסירטע שטייערען אין דער ערשטער רייהע צו בעצאהלען דעם רעגירונגס-חוב. ווייטער איז בעשלאסען געווארען אויפצופאדערען דעם געוועזענעם בירגערמייסטער גרונעל, אז ער זאל צוריקצאהלען אין דער מאגיסטראט-קאסע 1.750 זל., וועלכע ער האט גענומען פון קאסע פאר זיין געהאלט, וואס איז איהם שוין נישט געקומען.

ווייב און קאכאנקא

וועלען האבען א סענסאציאנעלען ירושה=פראצעס

(ג) אויף קאפערניק דרייסיג האט געוואוינט דער גרויס-איינגענטימער עמיל האמבורגער מיט זיין פרוי דאראטא. פאר'ן קריג האט זיך פרוי האמבורגער פערליבט אין א רוסישען גענעראל און מיט איהם אוועק-געפאהרען. האמבורגער האט זיך דאן בעקענט מיט א געוויסער וואנדא ראטקאווסקא און זי האט זיך איבער-געקליבען צו איהם וואוינען. פון זיין פרוי האט האמבורגער די גאנצע צייט נישט געהאט קיין שום די-רעקטע ידיעות. נאר פון צייט-צו-צייט פלעגט ער בעקומען גרוסען פון דער „גענעראלשע“, וועלכע האט געוואוינט אין אויסלאנד.

מיט א פאר וואכען צוריק האט זיך האמבורגער דער-פילט שלעכט און האט אויסגערופען צו זיך א נאטאריוס. ראטקאווסקא וועלכע האט געזעהען, אז מיט דעם האמבורגערן האלט שלעכט, האט געשיקט נאך א רעכטס-אנוואלט און גענייקט אויף האמבורגערן, אז ער זאל איהר אפ-שרייבען דעם גרעסטען טייל פון זיין פערמעגען. אין א קורצער צייט ארום איז האמבורגער געשטארבען און ראטקאווסקא האט מיט אונגעדולד געווארט ביז די צוואה וועט רעאליזירט ווערען.

דערווייל האט זיך וועגען האמבורגערס טויט דער-וואוסט זיין פרוי און איז אראפגעקומען אהער צו-זאמען מיט איהר זוהן, כדי זיך צו דערוויסען וועגען איהר ירושה. ווען זי האט זיך דערוואוסט וועגען דער צוואה, האט זי באלד פארגענומען שריט, כדי די צוואה מבטל צו מאכען, און קורצען וועלען מיר האבען א סענ-סאציאנעלען פראצעס.

פערגוואלדיגט א 13-יעהריג מיידעל

(א) סטאניסלאוו פאולאטשעק 36 יאהר אלט פון ראדאמסק, האט זיך פערנאַרט די 13-יעה-ריגע לאלא ווינטער, א מיידעל פון א היגען סוחר און איז מיט איהר אוועק שפאצירען הינטער דער שטאָט. דארט האט ער זיך מיט איהר געשפילט און וואַלד און אין א געוויסען מאמענט זיך גע-וואָרפען אויף דעם קינד און זי פערגוואַלדיגט. די 13-יעהריגע לאלא איז געבליבען ליגען א פער-חלשט און דער אויסוואורף איז אנטלאפען.

אם אפגעשוואכטע און פערוויינטע איז דאס קינד געקומען אהיים און וועגען אלעם דערציילט דער מוטער, וועלכע האט באלד וועגען דעם גע-מאלדען און פאליציי.

ווען פאליציי איז געקומען ארעסטירען פאולא-טשעק האט מען איהם אינדערהיים נישט געטראָ-פען, ער איז אנטלאפען.

מ'האט נאך איהם פונאנדערגעשיקט שטעק-בריף.

צוברעכען הענד און פיס ארויס-פאלענדיג פון פענסטער

פארוואס האט מען איהר נישט גע=וואלט אריינגעהמען אין שפיטאל?

„5-גראשען-בלאט“ מיילט מיט:

(ג) אויף גלאָבנא 46 האט נעכטען 10 א זייגער אין אווענד די 20-יעהריגע סטעלא לעוואנדאווסקא פון פענסטער פון צווייטען שטאק גערעדט מיט איהרם א קאלעגע, וועלכער איז געשטאנען אויפ'ן טרוטואר. אין א געוויסען מאמענט האט זי זיך געוואלט מעהר א-רויסבויגען, כדי צו זאגען איהר חבר א סוד, האט זי פערלוירען דאס גלייכגעוויכט און ארויסגעפאלען פון פענסטער.

די אלארמירטע פאגאטאוויע האט דאס מיידעל געפונען אין א שרעקליכען צושטאנד. ביי איהר זענען געווען צובראכען די הענט, די פיס, דער נאז-ביין, 2 ריפען און נאך פיל וואונדען האט דאס מיידעל געהאט.

דער דאקטאר פון פאגאטאוויע האט זי דעריבער תיכף אפגעפיהרט אין פאזנאנסקים שפיטאל. דער דוזשורנער דאקטאר האט אבער די שטערבליך פערוואונדעטע נישט געוואלט אריינלאזען אין שפיטאל דאס דער לייטער פון פאגאטאוויע שטעלט פעסט, אין געווען גענוג פלאץ. די קארעטקע פון דער פא-גאטאוויע האט דעריבער די שטארבענדע אפגעפיהרט אין שפיטאל אויף ראדוואנסקא גאס.

די טעטיגקייט פון „מרכז=עברי“ און דער ציוניסט.-ארגאניזאציע

אויף די העברעאישע אוונט-קורסען פון „מרכז-עברי“ לערנען העכער 200 פערזאן. די לייטונג פון „מרכז-עברי“ איז דעריבער בדעה צו עפענען א תיכף די שוין עקזיסטירענדע נאך עטלי-כע גרופען. גרויס ערפאלג האבען אויך די אומ-זיסטע קורסען פאר קינדער פון די פאלקס-שולען, וועלכע ווערען געפיהרט אין דער פריה און אין די נאכמיטאג-שעה'ן. איינשרייבונגען ווערען ווייטער אנ-גענומען אין סעקרעטאריאט אין לאקאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע (צעגעלניאנא 4) פון 8 ביז 10 אוונט. א חוץ דעם ווערט יעדע וואך איינ-געארדענט אין לאקאל פון דער ציוניסטישער אר-גאניזאציע אן אקטועלע ליטעראַרישע פארלעזונג. די ערשטע פארלעזונג קומט פאר שבת אווענד. עס וועט רעפערירען ה' שמולעוויטש (רייטשלאנד) ארט'“: „דער רמב"ם און די נייעסטע העברעאישע קולטור“.

וואלד-שרפה

(—) אין מהוכה'שער וואלד ביים דארף שלע-פעטניצא איז אויסגעבראכען א שרפה. ס'איז פער-ברענט געווארען 135 מעטער האלץ און טרוקענע צווייגען. ווי מ'איז זיך משער איז די שרפה ענט-שטאנען פון אומטערצונדען.

פאליציי פיהרט אן אויספארשונג.

1=טער קלאנג=פילם=קינא=טעאטער אין לאדז

SPLENDID

לעצטע טעג!

גרויסער קלאנג-פילם

4 פעדערן

טראגעדיע פון א אפיציר פון דער קעניגליכער גווארדיע, יורש פון א אריס-טאקראטישען ענגלישען דור, וועלכער האט זיך אנגעגעבען אין דימיסיע.

אין די הויפטראלען:

Clive Brook, Noah Beery
R. Arlen, Georg Fawcett

אלס אפיצירען פון דער ענגלישער גווארדיע.

פרייזען פון די פלעצער 1, 2 און 3 זל.
אנהויב פון די סעאנסען 4, 6, 8, און 10 אָוו.

נישט ערמארדעט

נאר געשטארבען פון הונגער

(—) ווי מיר האבען שוין נעכטען מיטגעטיילט איז ארעסטירט געווארען די מוטער פונ'ם 4-יעה-ריגען קינד, וואס איז געפונען געווארען א טויטע אינ'ם פעלד הינטער לאדז.

די מוטער פיאסעטשנא האט ערקלערט, אז דאס קינד איז געשטארבען, און ווען זי האט נישט געהאט קיין געלד אויף צו קובר זיין דאס קינד, האט זי דאס טויטע קערפערל אליין בעגראבען אין פעלד.

די מעדיצינישע אויספארשונג אין פראזעקטאר-יום האט פעסטגעשטעלט, אז דאס קינד איז נאך שטארבען פון הונגער. פיאסעטשנא וועט דעריבער ווארשיינליך בעפרייט ווערען.

מעסער-שטעכעריי

(2) נעכטען פארמיטאג איז די שטעטישע פאגאטאוויע ארויסגערופען געווארען אויף אברא-וואמעלסקי 41, וואו ס'זענען פערוואונדעט געווא-רען, בעת א שלעגעריי 3 מאן. די פאגאטאוויע האט געגעבען הילף דעם 28-יעהריגען וואצלאוו קאַ-טשעי (אבראוואמעלסקי 7) און האט איהם אין א שווערען צושטאנד אפגעפיהרט אין שפיטאל. אנ-טאני וואווזשינסקי (אבראוואמעלסקי 41) און סטאניס-לאוו סקאנעטשנע (אבראוואמעלסקי 41) זענען לייכ-טער פערוואונדעט געווארען און מ'האט זיי נאכ'ן ערטיילען הילף איבערגעלאזט אינדערהיים.

ווען פאליציי האט געוואלט אויספארשען די סיבה פונ'ם געשלעג, האט קיינער פון די פערוואונ-דעטע נישט געוואלט געבען קיין שום ערקלערונגען.

דער עקספערימענט

אין דער סאציאלדעמאקראטישער מלוכה אין ווין

(ענדע פון פריטע זייט).

ווערט דאס קינד צוגענומען אין א זוג-היים.

די ווייטערדיגע זארג פון שטאט איבער'ן קינד הויבט זיך אן פון דריי יאהר אין די קינדער-גערט-נער. פון דריי ביז זיבען יאהר געפינט זיך דאס קינד גאנצען טאג אין קינדער-גארטען. די קינדער-גערט-נער אין ווין זענען מעהר סאציאלע אנשטאלטען די פעדאגאגישע. דער ציל איז דער עיקר געבען די מעגליכקייט דער מוטער גיין ארבייטען, מיט דער זי-כערקייט, אז דאס קינד איז אויפ'ן בעסטען אופן בע-זארגט. לויט'ן פלאן שטרעבט יעדער הויז אין ווין צו האבען אן איינענעם קינדער-גארטען. אזוי זענען טא-קע געבויט די נייע הייזער.

איך בין געווען אין הונדערטסטען קינדער-גארטען אין ווין. דאס איז א פרעכטיגער פאלאץ מיט ספעצ-יעלע סטאטוען, מיט גאנצע פאר זון-בעדער: אי-נעווייניג זענען די צימערען אויסגעארבעט מיט קונסט-בילדער. די דילען בעדעקט מיט רויטע ליגנאלעאום: אליץ שימערט פון ריינקייט, שיינקייט און געשמאק. די קינדער ווערען אויפגעפאסט פון ספעציעלע גע-לערנטע פרעבעלערינס.

גראד מיט א וואך פריהער בין איך געווען אין שיינברון, אין פאלאץ פון די האבסבורגער; דארט איז פארגעקומען אן אויסשטעלונג פון מאריא טע-רעזיאס אפארטאמענטען. איך בין געווען אין דעם אזוי-גערופענעם מיליאנען-צימער (דער נאמען וואקסט פון פרייז, וואס מאריא טערעזיא האט פאר איהם בעצאהלט). נישט ווילענדיג זענען איינפ'ן זי-נען פערגלייכונגען. פון דאס שענסטע און בעסטע פון א סך גרויסע און רייכע לענדער האט הנאה גע-האט איין פאמיליע, די האבסבורגער. אמת, די פא-מיליע איז געווען פון גרויסען יחוס, — א קלייניגקייט די האבסבורגער!! — אבער דאך איין פאמיליע, און איצט גענוסט עס דאס גאנצע פאלק — די קינדער.

אויסער די קינדער-גערטנער זענען איינגעארדענט און ווין ספעציעלע אנשטאלטען פאר קינדער, וואס האבען זיך ארויסגעשלאגען פון נארמאלען פאמיליע-לעבען, פון זייער היים; דאס רופט מען עס א פלאץ איבערצונעמען קינדער. מען האלט זיי נאר דא אזוי לאנג, ביז מען ארדענט זיי בעסער איין אויף א פעס-טערען באדען. דא קומען קודם כל אין בעטראכט על-טערען-שיכורים, גאסען-קינדער; אליץ, וואס די גרוי-סע שטאט וואַרפט ארויס, וואס עס שפייט אוים פון זיך דער תהום פון אויסגעלאסענקייט, קלייבט דער אנשטאלט צוזאמען אויף. דאס קינד ווערט דא גרינטליך דעזינפעצירט, פוזיש און גייסטיג, מען נעמט פון איהם אראפ דעם שמוץ, מען געוואוינט איהם צו צו א געוויסער ארדנונג, צו נארמאלע בעדינגונגען: מען ציהט ארויס דאס קינד פון גיהנום און מען לאזט איהם אריין אין א גן-עדן.

צו די אונטערסאנטעסטע און נוצליכסטע אנ-שטאלטען פאר יוגענד דארף מען צורעכענען די אל-ניווערסאלע ווערקהויז, וואו יוגענדליכע ארבייטער, דער הויפט פון בעלי-מלאכות, פערפאלקומען זיך אין די-ער פאך. די שטאט ווין האט ארויסגעגעבען א געזעצ-ליים וועלכען יעדער בעל-מלאכה מוז אפלאזען אויף איין טאג אין וואך זיינע לערן-יונגלעך, וועלכע דאר-פען דעם טאג ארבייטען אין שטאטישען ווערקהויז און פערפאלקומען זיך אין זייער ארבייט. דאס ווערק-הויז איז א גאנצער פאלאץ, וואו אלע מלאכות ווע-רען געארבייט לויט די נייעסטע מעטאדען, מיט די בעסטע מאשינען. דא ווערט אויך די ארבייט טעארעטיש געלערנט. די באלעבאטים זענען זעהר אומצופרידען מיט דעם אנשטאלט, אפט אין איין יאהר קענען די יונגלעך בעסער ווי זייערע באלעבאטים, נישט רעדענדיג, וואס זיי מוזען פערלירען אלע וואך א טאג פון זייער ארבייט. עס איז אבער נישט צו מאכען. דאס איז א געזעץ, וועלכער ווערט שטרענג דורכגעפיהרט.

הירש מעלאמער

פון דער לעצטער מינוט

ווי מיר דערוויסען זיך האט די בעוואוסטע פירמע ד. מארקוס, פיעטריקאווער 59, טעלעפאן 128-02, דערהאלטען צום איצטיגען סעזאן די נייעסטע פערפומען, קעלנישע וואסערן, טואלעט זייפען ווי אויך אלערהאנד קאסמעטיק. 17995

די פרייזען אויף אלע ארטיקלען זענען אויס סערגעוועהנליך נידריגע. קומט און איבער-צייגט אייך! געדענקט די אדרעס!

Złoty medal na Wystawie w Katowicach 1927 r.
Zastępca: S. B. Redlic, Łódź, Południowa 86.

װאַטעלין

ספּעציעלע גאַטונגען פאַר
שנײַדער און קאָנפעקציאָנערען
װערט פערקױפט אױך אין אײנצעלנע
שטיק, דירעקט פון דער פאַבריק

Akt. Ges. R. LIPSZYC
Łódź, Piramowicza 11

זיכערע הילף און א רפואה

אהן א אפּעראַציע, אָן בלוט, אהן א מעסער און אהן בלוט-פערגיסונג פאַר קראַנקע אויף קילעס פאַר מענער װײַבער און קינדער, פערשידענע קאַליקעס אין גוף פאַר הויסערס און פיסן

פערלאָזט אײַך נישט, װײַל דער װינקעל-בראָך װערט גרויס אזוי װי א מענשען-קאָפּ ...

ארטאָפּעדישע אַנשטאַלט

Specialist J. RAPAPORT Ortoped von Lemberg
Łódź, WÓLCZAŃSKA 29, front II p.

בעמערקונג: ... פּראָפ. ד"ר באַראַנטש, פּראָפ. ד"ר י. מאַרישלער, פּראָפ. ד"ר בר. קיעלאַנאָװסקי ...

דאַנקזאַגונג.

דעם געעהרטען ה' ד"ר. ראַפּאַפּאָרט, ספּעצ. פאַר פערקריפּלונג, אין לאָדז װאָלטשאַנסקאַ 29 ... אהן אפּעראַציע ...

Dr. EIDELHEIT, radca skarbu.

Dr.
HELLER
ספּעציאַליסט פאַר הויט- װענערישע קראַנקהײַטען און מענער-שװאַכע.
נאַװראַט 2 טעל. 79-89
נעמט אָן בין 10 פריה און פון 4—8 אָװענד. פאַר פרויען ספּעציעל פון 4—5 נאָכמיטאָג
פאַר אומבעמיטעלטע לעמשניצע-פרײַזען.

DR. MED.
Z. Datyner
צוריקגעקערט.
אוראָלאָג
ספּעציאַל-ארצט פאַר בלאָזען נירען און אורין-קראַנקהײַטען
Piramowicza 2
(Olginska) Telef. 148-95
נעמט אָן פון 9—10 פריה.
און פון 6—8 אָװענד.

DR. MED.
ANTONI MILLER
Łódź, Targowa 32
front I piętro tel. 206-34
Choroby wewnętrzne i zakaźne.
Godz. przyjęć 8 — 9½ rano i od 7—8½ wiecz.

Dr. med.
W. Eychner
גינעקאָלאָג אקושער
זגערזשער 11
טעלעפאָן 134—72
נעמט אָן אינדערהײם פון 3-2 פ. מ. פון 7-9 נ. מ.
אין קליניק „סאַנאַטאָ"
אַגראָדאָװאַ 10 פון 12—1

Dr. med.
A. BANASZ
ספּעציאַל-ארצט פאַר
נירען און בלאָז קראַנקהײַט,
װאָלטשאַנסקאַ 23
טעל. 139-88
נעהמט אָן פון 3—4 נ"מ.

א לעהרער

מיט רעגירונגס-רעכט 16 יאָהר פּראַקטיקירט, ערטײלט לעקציעס פאַר שילער און ...
שיף, שװ. יאַקובאַ 12
רעכטע אָפיציגע 1 שטאָק ...

אינסטרוקטאָרקע צו אנדולאַציע

װערט געזוכט. אָפּערטען אונטער „L. K." אין אדמיניסטראַציע. 8082

א צימער

מיט א באַזונדערן אײַנגאַנג צו פערדינגען װענטעל אָבצוגעבען פאַר אײנציגע יונגעלײַט צו שלאָפען. צו ערפאַהרען נאַרוטאָװיטש 35, פּלום

Dr. W. ŁAGUNOWSKI
Specjalista chorób skórnych, wenerycz. i moczopłciowych
Przeprowadził się na ul.
Piotrkowskiej 70
(róg Traugutta).
Przyjmuje od 8^{30} do 10^{30} rano, od 1-ej do 2^{30} pp. od 6 do 8^{30} wiecz.
w niedziele i święta od 10 do 1-ej.

א מואַליפיצירטע
קראַמפּ
שפּאַלערקע
װערט פון זאָפאָרט געזוכט
סטאַראָלניצנאַ 5

ŹRÓDŁO
dodatków krawieckich
5 OGRODOWA 5

עמפּפעהלט
צו די ביליגסטע פּרײַזען זעמטליכע שנײַדער-צודאַטען
פון די בעסטע סאָרטען װי:
אַלפּאַגאַ — ערמעל-פוטער
װיקטאָריאַ — װלאַשאַנקע
בעק — טאַשען
קלאַט — שטײַפע לײַװענט

בעמערקונג: געדענקט די אַדרעס **5 אַגראָדאָװאַ 5**

װעכבערליך כירורגישע קליניק
„SANATO"
אַגראָדאָװאַ 10 טעל. 213-57
1-טע און 2-טע קלאַס
ערצטליכע אויפזיכט
איבער דער מוטער און קינד.
פּרײַזען פון געבורט
אין 2-טע קלאַס צוזאַמען מיט פערהיטונגס-מיטלען
200 זל.

44 װיכטיג פאַר לאָדז און אומגעגענד! 44
זאָל יעדער װיסען, אַז
מעבעל
שעהן, גוט און ביליג באַקומט מען נור בײַ דער פירמע
Ch. ŁAZNIK
GDAŃSKA (Długa) 44, tel. 162-56
44 בעמ.: איך קויף אויך און פערקויף פערש. געניצטע מעבעל, דיװאַנעס א. ז. װ. קומט און איבערצײַגט אײַך! 44

הלך בתום ילך בטח,
ומעקש דרכיו יודע
גויל אלו וקיעי, קני כל חורש — תא:
דיו אלו ימי וכל מי בנישו — תא:
דירי ארעא ספרי ורשמי רשו — תא:
קענען נישט איבערגעבען דאָס רײַ-יעלקײַט פון דער פּלט - בעװאוסטער
רעכטסקאָנסולענטען-ביוראָ פון ה'
מאַנעלאַ, פּיעטריקאָװער 17
זײַטאַדניע (52) טעל. 148-79
װאו עס װערט פּינקטליך ערלעדיגט, געװי-סענהאַפט בעשריבען אַלערלײ ביטעס: ציװילע, קאַרנע, האַנדלאָװע, אַפּע-לאַציעס, אדװאָלאַניעס, קלאַװזולעס, זאַבעזפּיעטשעניעס אויף אַלע שטעדט אין פּוילען, װעגען דירות אין װאַרשאַנד ראַזיאַמסקי, װי אויך איבערזעצונגען אין אַלע שפּראַכען. מיט אַכטונג **ד. מאַנעלא, פּעטריקאָװער 17.**

לעטשניצע פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען
און דענטיסטישער קאַבינעט.
זאַשאַשיגער 11, טעלעפאָן 3763
אָפען פון 9 פריה ביז 7 אָװענד.

ד"ר אימיך נאָז, האַלז, אויערען ק'	$4^1/_2$—$5^1/_2$
ד"ר קפּרשנער קינדער-קראַנקה.	11-9 $4^1/_2$-5
ד"ר שיפמאַן אינערליכע קראַנקהײַטען	2—12
ד"ר ביבערגאַל הויט און װענער.קר.	11½ 12½
ד"ר שמירנעלד נערװען און גײַסטיגע קר.	2—1
ד ר גאָלדבלאַט אויגען-קראַנקה.	1½—12½
ד"ר חיים כירורגישע קראַנקהײַטען	3—2
ד"ר שפּערלאַסקי פרויען-און געבורטס-הילף	$4^1/_2$—$5^1/_2$

פּסיכאָ-טעראַפּיע, ... אימפּונגען געגען שקאַרלאַטין. ... א רענטגען-אינסטיטוט.

ד"ר לאָזשינסקי-סטאָראָפּאָלסקא
צײַהן-ארצט 10—1, 3—6
קינסטליכע צײַהן, קאָראָנען, מאָסטען א.א.װ.

די לעטשניצע איז טעטיג אויך זונטאָג

PORADNIA WENEROLOGICZNA
פון דאָקטוירים-ספּעציאַליסטען
זאַװאַדזקאַ 1.
נאָר פאַר װענערישע הויט-קראַנקה. און מענער-שװאַכע אַנאַליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפּער. קאָנסיליומס מיט ספּעציאַליסטען פון אוראָלאָגישע און נערװען-קראַנקהײַטען.
קװאַרץ-לאַמפּ, עלעקטרישער הײַל-קאַבינעט קאָסמעטיק.
— טעגליך פון 8 פריה ביז 9 אָװענד. —
פון 11 ביז 12 בײַ טאָג און פון 2 ביז 3 נאָכמ.
נעמט-אָן א פרוי-דאָקטאָר נור קינדער און פרויען
זונטאָג פון 9 פריה ביז 2 נאָכמיטאָג.
— באַזונדער װאַרטע-צימער פאַר פרויען. —
װיזיט 3 זל.

DR. MED.
L. Pikielny
אוראָלאָג
ספּעציאַל-ארצט פאַר נירן, בלאָז און אורין-קראַנקהײַט
NAWROT 8, tel. 2,19-90
נעמט אָן פון 4—7 אָװענד.

Dr. med. **J. Lubicz**
ORTOPEDA, Gdańska 28, tel. 18-31
קראַנקהײַטען פון די בײנער, געלענקען,
פערקרימונגען פון די פּלײצעס און גלידער
אײגענע פּראָדוקציע פון זעמטליכע אָרטאָפּעדישע אַפּאַראַטען, װי: קלאַרקעס אויף פּלאַטפוסען, קינסטליכע גלידער א. א. װ. נעמט אָן פון 2,30 ביז 4,30 נאָכמ.

אכטונג, לעטניקעס!
פּאַרעמביע
— דעם —
„נײַעם פאָלקסבלאַט"
און דאָס „5-גראָשען-בלאַט"
קען מען באַקומען טעגליך אויף דער טראַמװײַ-סטאַציע פּאַרעמביע (בודקע מיט סאָדע-װאַסער)

„PRACA"
פרויען-פאַך-קורסען בײַ דער געזעלש. צו פערשפּרײטען פאַך - קענטענישען אין לאָדז, װאָלטשאַנסקאַ 21
נאָכן דערמיט בעקאַנט, אַז ס'װערען אָנגענומען אײַנשרײַבונגען אויף פאָלגענדע אָפּטײלונגען:
1) דאַמען-שנײַדערײַ 2) שטיקערײַ
3) װעשערײַ 4) אנדולאַציע
5) גאַרסעטען 6) מאַניקיור
7) היטען-פוצערײַ
דער סעקרעטאַריאַט ערטײלט אינפאָרמאַציעס טעגליך פון 9—1 נאָכמ. און פון 3—7 אָװענד.

Dr. Z. Rakowski
ספּעצ. פאַר אויערן-, נאָז-, האַלז- און לונגען-קראַנקה.
9 קאָנסטאַנטינער 9, טעלעפאָן 81 227.
שפּרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7. נעמט אויך אָן אין לעטשניצע זגערזשער 17, פון 10—11 און פון 2—5.

קריפט און ליידענט די בילינסטע צייטונג אין דער וועלט 5=גראשען=בלאט

מיטאג=אויסגאבע פון „נייעם פאלקסבלאט"

ערשיינט 12 בייטאג און ברענגט די לעצטע נייעס פון טאג און א רייכען און אינטערעסאנטען לייען=מאטעריאל
אויך אקטועלע אילוסטראציעס פון אלע וויכטיגסטע וועלט=געשעהענישען.

עמפפעהלט צום קומענדען סעזאן: **פוטער=פאלטענס** מי אויך פוטערלער ענצעלנע אלערליי אין א גרויסען אויסוואהל
שניידער=אטעליער אונטער דער פערזענליכער אויפזיכט פון בעקאנטען מייסטער ה׳ נ. בעקער **קירשנער**-מייסטער אונטער אייגענער לייטונג פון ה׳ ל. גרינשפאן.
SKŁAD FUTER i OKRYĆ DAMSKICH BEKER i GRYNSZPAN
Piotrkowska 66, Tel. 190-21.
פינקטליכע בעשטעלונגען ווערען אנגענומען פון אייגענע און אנפערטרויטע וואַרען לויט די נייעסטע פאריזער מאָדעלען. / **צוגענגליכע פרייזען!** / בעקוועמע בעדינגונגען.

LUNA
פראכטיגע מוזיקאל. אילוסטר. אויסגעפיהרט פון סימפ. אָרקעסטער א. לייטונג פון ל. קאנטאר
אנהויב 4 א זייגער נ"מ, שבת און זונטאג 2 בטאג, שבת און זונטאג פון 12-3 נ"מ צו 50 ג׳. און 1 זל.

היינט און פאלגענדע טעג! — גרויסער פראגראם פון דער בעריהמטער פראדוקציע FOX-FILM וואס ענטהאלט 2 פילם=מייסטערווערק
1) לאורעאטקע פון שעהנהייטס-קאנקורס **LIA TORA** אין דער מעכטיגער זיטען-דראמע א. נ.
די „שווארצעדאמע"
טראגעדיע פון יונגע פרויען, וועלכע זוכען געשטויסען געווארען אויפ׳ן דעגער פון אפגרונד.
2) אמת׳ע ליבע פון א לייכטזיניגע בחור׳טע א. נ.
מאדערנע מעדלעך
אין די הויפטראל. **SUE KARROL, D. ROLLINS**

ODEON גרויסער דאפעלטער פראגראם **ODEON**
1) **„די גאלדענע פערמע"** אין די הויפטראלען **Jack HOLT, Florence VIDOR, Noah Beery, George Bancroft**
2) **„מייסטער פון דעטעקטיוועך"** מיט **CONKLIN** אין דער הויפטראלע

WODEWIL די זיסע **Anna Ondra** און אויך דער פרעכ-טיגסטער פילם-שטערן **André Roanne**
אין דער שפאנענער קאמעדיע א. נ.
„די זינדעגערין פון מאנפארנאס"
אויסערן פראגראם: א פארס.

היינט פרעמיערע פון 2-טען פראגראם!
„נאך נישט אלעס" א. נ.
פרעהליכע רעווי אין 2 טיילען 18 בילדער
עס נעהמען אנטייל: **M. Łukjańska, Żukowska, L. Orlińska, T. Morozowa oraz p. p. J. Darski, F. Kalinowski, Wł. Boruński, J. Szyndler i Niksarski.**
אין פראגראם: סקעטשען, אינסצעניזאציעס, טענץ, הומאר, סאטירע, אקטואליטעטען א.ז.וו.
רעזשיסערן: J. DARSKI און F. KALINOWSKI קאמפאזיטאר: W. BORUŃSKI אנהויב פון די פארשט. 8 און 10 אוו. פרייזען פון די פלעצער פון 80 גר. ביז 2 זל.

ווארשאווער רעווי=טעאטער
„Chochlik"
אונטער דער ארט. לייטונג פון **Jerzy Darski**
Kino Spółdzielni
40 SIENKIEWICZA 40

קינא=טעאטער
PRZEDWIOŚNIE

זשעראמסקעגא 74/76.
צופאהר מיט טראמוויען: 5, 6, 8, 9 און 16.
אנהויב ... יעדן זונטאג 2 נ"מ. לעצטער סעאנס 10 אווענד.

היינט אין פאלגענדע טעג! אויפ׳ן אלגעמיינעם פערלאנג פון געעהרטען פובליקום זענען פערלענגערט געווארען אויף נאך א וואך
— די גאסטשפילען פון בעריהמטען טעאטער —
פון **TADEUSZ SKARZYŃSKI** פאר׳ן אבפאהרען נאך אויסלאנד
„סאנדאמירער חתונה"
מוזיק. נסואנג. טענץ. אייגענער ארקעסטער. כארען

היינט און פאלגענדע טעג! II.
גרויסע מאדערנע קאמעדיע אין דער הויפטר.
HARRY LIEDTKE
„דער מאדערנער קאזאנאווא"
פרייזען נישט געהעכערט.
פאספארטוס און הנחה-בילעטען אונגילטיג.

היינט און פאלגענדע טעג! ■ גרויסע מעכטיגע דראמע א. נ. ■ היינט און פאלגענדע טעג!
גיפט פון ריידענדער ליבע
אין די הויפטראלען: **PAWEŁ RICHTER i EWA GREY**

קינא-טעאטער
ZACHĘTA
26 זגערזשער 26
(ביים פלאץ קאשטשעלני)
פערשטארקטער סימפאנישער ארקעסטער
דער זאל איז מעכאניש ווענטילירט.

היינט גרויסע פרעמיערע! ■ פראגראם № 4 ■ היינט גרויסע פרעמיערע!
„קאפיטאלנע, הא! הא!"
גרויסע פראכטיגע רעווי אין 2 טיילען – 15 בילדער. פערפאסט פון העמאר, וולאסט, בושעסקי, און מצלין
עס נעמט אנטייל דער גאנצער אנסאמבל, ווי אויך ניי-אנגאזשירטע ארטיסטען. באלעט, כארען, אייגענע דעקאראציעס, קאסטיומען, ליכט-עפעקטען. ליטעראר. לייטער: קאזשימיעזש בושעסקי, מוזיק-לייטער: דאניעל קלידט, דעקאראציעס: סט. פראשיאק, רעזשי: וול. יאנעצקי.
טעגליך 2 פארשטעלונגען: 7.15 און 9.15, שבת, זונטאג און יום=טוב 5.15, 7.15 און 9.15 אווענד.
פארפארקויף פון בילעטען אין דער ביורא „Reklama Polska" פיעטריקאווער 101 טעל. 126-89 טעגליך פון 11 פריה ביז 4 נ"מ.

רעווי-טעאטער
„Dobry Wieczór"
אין דער געביידע פון קינא-טעאטער
„BAJKA"
פראנציסקאנער 31a, רוג בושעשינער
(צופאהר מיט טראמוואיען 1, 6 און 14.)

היינט און פאלגענדע טעג! ■ גרויסע פרעמיערע! ■ היינט און פאלגענדע טעג!
פון טאג צו טאג
טראגישע געשיכטע פון די וואס זענען געשל ידערט געווארען אויף די ברויזענדע כוואליעס פונ׳ם לעבען. אין די הויפטראלען:
IRENA GAWĘCKA, MARJA GORCZYŃSKA i ADAM BRODZISZ
אכטונג! צו דעם דאזיגען בילד איז אנגאזשירט געווארען א קינסטלערישער כאר, וועלכער וועט אויספיהרען א רייהע רוסישע ראמאנסען.
פאספארטוס און הנחה=בילעטען אומגילטיג.

קינא „ERA"
פרי-ער „פלארא" זאוויסשא 22 (באלוט)
אנהויב פון די פארשטעלונגען 4.30 נאכמ. שבת און זונטאג 12.30 א זייגער בייטאג.
פערשטארקטער ארקעסטער.
דער זאל איז מעכאניש ווענטילירט

גארטען „מארצעלין" 101 זגערזשער 101
אלע אויף דער גרויסער גארטען=פערוויילונג
וואס קומט פאר מארגען, שבת, ד. 9 אויגוסט 2 נ"מ, אין גארטען „מארצעלין" זגערזשער 101
געז. „קולטור-ליגע" אפט. לאדז, בושעשינער 23 טעל. 191-15

אויסערגעוועהנליכע אטראקציעס! ■ איינהאלטרייכער פראגראם! ■ גרויסער קאנצערט-טייל! ■ 2 ארקעסטערס!!!
אויספריט פון דער דראמ. סטוד. „באגינען" ביי דער „קולטור-ליגע". גרויסער ספארט=פראגראם אויסגעפיהרט דורך די ארב. ספארט און גימנאסט-גרופען ביי דער ארב. ספארט-געז. „מארגענשטערן".
ביליגער בופעט. ■ בענגאליש פייער! ■ פערשידענע פאלקס - פערוויילונגען! ■ ביליגער בופעט!
בילעטען צו ביליגע פרייזען צו בעקומען אין אווענט אין „קולטור-ליגע" בושעשינער 23, אין „ארב. ווינקעל" פאלודניאווע 20, אין „קולטור-אמט" ווסכאדניא 70 און פון 12 פריה — ביי דער קאסע פון גארטען „מארצעלין".

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg. Redaktor odpowiedzialny Ch. Kaufman
Czcionkami i druk. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21